STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04448

HARBSTIKE TROYBN

I. Z. Shargel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב צבי שאַרגעל / האַרבסטיקע טרויבן

צום קאָלעגע י. זינגער
מיט גרוס פֿרײַנדשאַפֿט —
פּתח-תקוה, 1.I.1978 י.צ. שאַרגעל

יעקב צבי שאַרגעל

האַרבסטיקע טרויבן

לידער

פאַרלאַג י.ל פרץ, תל-אביב

תשל"ז—1977

י.צ. שרגל / ענבי סתיו. שירים

הוצאתו לאור של ספר זה
הסתייעה במענק של קרן תל-אביב לספרות ולאמנות

הילע געצייכנט: אלכסנדר באָגען

Y. Z. SHARGEL
Harbstike Troibn, Poems

©

געזעצט דורך פֿאָטאָזאַצמאַשין און געדרוקט
בײַ ״ידע-סלע״ בע״מ, תל-אביב



י. צ. שאַרגעל — געצייכנט: מיכאל מילבערגער

לנכדי באהבה—
מיינע אייניקלעך מיט ליבע
י.צ.ש

דײַן גײענדיקער שטערן

כ׳וועל דיר זינגען

כ׳וועל דיר זינגען אַ ליד פֿון קעסעלעך צוויי
וואָס געגאַנגען זענען אַליין צום ברונעם.
דאָס ליד האָט געזונגען מײַן שוועסטער אין ווי
איידער זי איז פֿון **דאָרטן** אַנטרונען.
נאָר אַז הײַנט קומט דאָס וואַסער אָן אַזוי גרינג—
אַ ריר, און אַ דריי, און עס גיסט,
ווי זשע זאָל איך זינגען וועגן קעסעלעך צוויי
אַז זייער לעבן איז לאַנג שוין פֿאַרוויסט?—

כ׳וועל דיר זינגען אַ ליד פֿון ציגעלעך צוויי
וואָס געשטאַנען און זיך געפּאַשעט בײַ מײַן וויג.
דאָס ליד האָט געזונגען מײַן מאַמע פֿון זיי
נאָך איידער עס האָט געפֿלאַטערט דער קריג.
נאָר אַז דער מלאך הרשע האָט די ציגעלעך פֿאַרשניטן
און געוואָרפֿן זייערע ביינדלעך אויפֿן מיסט—
ווי זשע קאָן איך זינגען וועגן ציגעלעך צוויי,
אַז דער שׂטן האָט דעם ניגון פֿאַרמיאוסט?

און פֿון אַ לאַנגן געגיי—כ׳וועל דיר זינגען אַ ליד—
איבער וועגן און שטעגן נישט געדאַכטע.
דאָס ליד האָט געזונגען דער שטענדיק נע-ונדער
בײַ טויערן פֿאַרריגלטע, פֿאַרמאַכטע.
נאָר אַז עס מאָרגנט שוין אין דרויסן
און דער חלום וועפּט אויס
און עס עפֿענען זיך טירן און פֿענצטער
איז ווי קאָן איך זינגען דעם ניגון פֿון נעכטן
און זאָגן:—ער איז דער שענסטער?!—

יינגער

אַ ליכט האָט אַרויסגעלויכטן
פֿון צווישן כמאַרעס אָנגעברוגזטע
און מיך געגלעט מיט שטראַלנדיקע פֿינגער.
האָט מיר געדוכט—בײַם אויסגיי פֿונעם טאָג
געוואָרן בין איך יינגער,
נאָר אַ בליק אַזאַ בייזער, אַ נישט געדאַכטער זאָג
פֿון אַ ניכטערן און קלוגן
האָט צו דער שעה צוריק מיך געשלײַדערט,
און מיר געוויזן—דעם אויסגיי פֿונעם טאָג.

האָב איך זיך אַליין געמוסרט-געפֿרעגט:—
זאָל איך גלייבן דעם כּעסן, דעם שעלטער,
און זיך קליידן אין קליידער פֿון נאַכט?
זאָל איך זאָגן, צוזאַמען מיט דעם געוועלטער,
אַז אַזאַ איז די מאַכט פֿון כּלו כּל הקיצין?—

נאָר פּלוצעם, פֿון דאָס נײַ
האָט דאָס ליכט צו מיר געלויכטן פֿון צווישן כמאַרעס
און ווידער מיך געגלעט מיט שטראַלנדיקע פֿינגער;
האָט דאָס זען אײַנגערעדט מיר,
געשעפּטשעט מיר אין אויער:—
דער חלום איז בלויער
און יינגער.

דערזען זײַן פּנים

איך אײַל צו אויסגעטראַכטער ווײַט
און צעשפּרייט די קערנער דאָרט פֿון וויי.
אויף זיי — אַן אויסגעטועטער איך לייג זיך
און וואַרט
ביז באַשלאָפֿן ס׳וועט מיך די נאַכט.
שפּעטער,
אַז דעם וועג אויף צוריק כ׳וועל במילא נישט געפֿינען
וועלן אַלע הימלען אַנטרינען.

און אַז די הימלען וועלן אַנטרינען
און איך, אין חלל, וועל דאָס מעשׂהלע שפּינען
און וואַרטן אין חלום אויף אַ חלום,
וועט מיר קומען אַנטקעגן כביכול — אַן איינזאַמער שאָף,
און איך וועל זיך שטעלן פֿאַר אים
אַן אויפֿגעשטאַנענער
פֿון אַ לאַנגן, לאַנגן שלאָף.

מײַנע לעפֿצן וועלן פּרעפּלען אין געציטער:
אָ, מײַן האַר, מײַן געביטער,
דאָס בין איך דײַן הנני העָני...

וועט דאָס פֿײַער אינעם דאָרנקונסט מער נישט פֿײַערן
און כ׳וועל דערזען זײַן פּנים.

טאָג בײַ טאָג

א

טאָג בײַ טאָג
איך זוך דעם צייכן
אויף די סטעזשקעס פֿון דײַן ליכטיקן פּנים.
כ׳גיב אײַן אין געוועט אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג
און וויל גרייכן די זכיה
פֿון דײַן פֿאַרלאַנגען,
פֿון דײַן מאָנען.

און אַז איך בלײַב אַן אויסגעשפּילטער—
דײַן מאָנונג פֿאַרפֿעלט צו מיר דעם וועג,
וויינען שטיל די לעצטע טרוימען
און פֿירן אַרויס אין פֿעלד אַרײַן
די טעג.

ב

שטילער, שטיל,
האַלט אײַן דעם אָטעם—
די נאַכט איז צוגעפֿאַלן צו מײַן טראָט.
אין ווייכן תמוז-בלוי פֿון מילעך-וועג
מ'זעט נישט מער ווי שטערן.
און דער וואָס שפּאַנט איצט אין דײַן טראָט
וויל אויך אַ שטערן ווערן.

נאָר איך,
וואָס זוך נאָך אַלץ דעם צייכן
אין די קאַרבן פֿון דײַן זוניקן פּנים,
רוף דײַן ניגון מיר צו הילף,
פֿאַרלאַנג פֿון אים
און מאָן אים.

מיט מײַן תּפֿילה

כ׳וועל אַ יאָג טאָן צו דיר — אַ ריטער פֿון ליבערײַ.
עלעהײַ אַ ווינט אַ רויטער
אַרײַנגעריטן פֿון פָאַרן.
כוועל דיר ברענגען די הייסקייט פֿון יענער זײַט בערג
און די בשׂורה אויף רעגן פֿון קופּערנע הימלען,
נאָר דו וועסט מיט פֿעכערס פֿאַרווייען מײַן קומען
און פֿאַרטרײַבן מײַן חלום
אויף יאָרן.

כ׳וועל קניִען פֿאַר דיר —
אַ כּהן בײַם עמוד,
און בענטשן מיִט פֿרוכפּערקייט דײַן טראַכט.
וועל אויסטראַכטן שפּילן
ניגונים און מעשׂיות
העלער צו מאַכן דײַן נאַכט.
נאַר דו וועסט פֿאַרשפּאַרן טירן און טויער,
די שפּאַרעס די שמאָלסטע אפילו,
און איך וועל בלײַבן אַליין און אין דרויסן
געבונדן אין תּפֿילה.

דיך הײַנט געזוכט

הײַנט,
אין טאָג פֿון מײַן געבוירן,
כ׳בין אַרויס דיך זוכן און נישט געפֿונען
צו דיר קיין גלײַכן.

אין דײַנע פֿוסטריט זיך געלאָזט אויף צעווייקטער ערד,
דעם עכאָ פֿון דײַן וואָרט בין נאָכגעגאַנגען,
נאָר אַ מידבר האָט געשוויגן אין מײַן אויער.

דעם באַדויער — אויף וועגן אויסגעגאַנגענע —
האָט אָפּגעשווענקט דער רעגן
און האָב קיין סימן פֿון דיר נישט געפֿונען.

שטיי איך בײַ מײַן מאַראַנצנבוים אַן אײַנגעטונקענער
אין ליכט,
אין זונגאָלד
און איך פֿרעג: —
ווו געפֿינט מען דעם סימן דײַנעם,
אויף וועלכע געמאַרקן?
דער פּיטאַנגאָ-פּאַרקן האָט זיך אויפֿגעהויבן
כדי מיך פֿון אַלע הייכן אָפּצושיידן.

נאָר איך
זוך דיך און זוך
און קאָן אַלץ נישט געפֿינען
צו דיר קיין גלײַכן — —

ט״ו בטבת, תשל״ו

דײַן גייענדיקער שטערן

איך,
וואָס האָב געקרײַזט אַרום דיר
בעת דײַן ליכט איז געוואָרן אַנטבלויזט
און בין אויפֿגעגאַנגען אינעם ווערן,
ווער אין יעדן חלום
דײַן גייענדיקער שטערן.

מיט אַלץ וואָס אָטעמט איך ווער אַנטשפּויזט.
אויך מיט דעם וואָס האָט נישט קיין ממשות.
און מיט ליבע—
כ׳בין פֿאַרקנסט און פֿאַרבונדן—אחד,
כאָטש איך זע תמיד די פֿויסט דעם רשעס
און דאָס געשריי פֿון געפּײַניקטן רוישט אין מיר און
עכאָט.

היט איך און פֿאַרהיט דײַן לעצטן קערן
מיט בליקן פֿון תפֿילה אויסגעשטרעקטע,
און פֿאַר די זאַנגען אינעם פֿעלד
בין איך גרייט צו שווערן:—
כ׳בין דײַן גייענדיקער שטערן.

געוואָלט דיך פֿאַרגלײַכן

כ׳האָב געוואָלט דיך פֿאַרגלײַכן צו דער נאַכט דער לאַנגער,
וואָס האַלדזט מיך און רינגלט ווי שלאַנגען.
צום בליק פֿון דער סאָווע,
צו פֿלעדערמויזס געפֿלאַטער,
צו חשכות פֿון שוואַרצע פֿאַרגאַנגען—
איז אַ בליץ פֿאַרבײַגעפֿלויגן, די נאַכט דורכגעשניטן
און אַ ליכט איז אַרײַן אין מײַנע אויגן.

האָב איך געפּרוּווט דיך פֿאַרגלײַכן צום טאָג וואָס דערוואַכט,
צום רויש און צום רעש פֿון זײַן ווערן,
האָט אַ שוואַרצרויך פֿון שלאַכטן דעם הימל פֿאַרצויגן
און דעם וועג צו דיר מיר פֿאַרמיטן.

געוואָלט דיך פֿאַרגלײַכן צו אַ רויז אין מײַן גאָרטן—
אירע בלעטער שפּילן תּפֿילות אויס אויף האַרפֿן,
איז געקומען דער האַרבסטווינט זי צעיאָגט און צעוואָרפֿן
געלאָזט בלויז איר נאַקעטן שאַרבן.

איז דער שאַרבנקוסט אַ דאָרן, וואָס שטעכט אין מײַן ברוסט
און שטערט און צעשטערט דעם פֿאַרגלײַך.
פֿאַר וואָר ביסט אַוועק און מיט דיר אויך די לוסט—
אַ שטיין אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טײַך.

פון דער נידער

איך בין הײַנט צו דיר אַרויפֿגעגאַנגען
פֿון דער נידער.
פֿון לאַנד וואָס ליגט צו דײַנע פֿיס,
און הייבט צו דיר די אויגן אויף אין תּפֿילה.
געהאָפֿט אויף דײַן גענאָד,
אויף דײַן גוטן ווילן,
ווי אויף מײַן מאַמעס מיך פֿאַרציִען:
"יאַנקעניו, ליכט מײַנס אין אַלע אינדערפֿריען".

פֿון דער ווײַטנס כ'האָב דערקענט שוין דײַן שײַן
וואָס שפּאַרט אַרויס פֿון דײַנע גרײַז-גראָע שטיינער.
כ'האָב דערזען די ביימער—שרעטעלעך אין די בערג—
ברוין, סעלעדרין, גרין,
און דעם ניגון,
וואָס דאָס מינדסטע ווינטל דערטראָגט צו מײַן אויער—
צאַרט, באַצערט,
שפּיזיק-שאַרף און פֿול טרויער.

און גלאָקן וואָס שיקן זייער אָנזאָג דורכן ווינט
און מועדזיניש געבעט פֿון שווערדישע מעטשעטן
און קולות פֿון היכל, און אומרו בײַם טויער.
און ווײַל איך האָב פֿון אייביק אָן צו דיר געבעטן,
געתּפֿילהט און געתּחינהט—
בין איך איצט געבליבן שטיין אַזוי פֿאַרכלינעט
פֿאַר דײַן כּישופֿדיקן דויער
און פֿאַר דײַן לויכטיקייט,
וואָס אָט זי איז צונטער-רויט און אָט—שנייק-ווײַס און דין,
און באהבה מקבל געווען דעם ניגון דײַנעם,
וואָס אָט איז ער פֿול מיט חסד און אָט—מיט דין.

ביים טויער פֿון טאָל

היטער ביים טויער פֿונעם טאָל,
זע, ווי דײַנע שטיינער מאָלן
די רגע׳ס פֿון דײַן זײַן
און דעם וואָס קומט אַהער אַרײַן.

היטער! —
די גיטער אויף דײַן קאַרק,
די נאָדלביימער אַרײַנגעשטאָכענע אין פֿעלדז —
ווי לוחות אָנגהאָנגענע אויף אַ ברוסט
מיט פֿייערשריפֿט געקריצטע —
דערציילן פֿון דײַן מאַכטיקייט און
גרייס.

יעדער נאָדל — אַן אות פֿון די כף-בית,
יעדער ריטל — אַ שורה אויף פֿאַרמעט
אַ פֿאַרשריבענע מיט אַן אײַזערנער פֿען,
און יעדער צווײַג איז אַ שרביט
אין דער האַנט פֿונעם זיגער.

אָט ליגן די רײַטוואָגנס פֿון קריגער
געטייטע בײַ דײַן וועג.
איז וויפֿל העלדן האָט אַ גיבור
און וויפֿל אויגן האָט זײַן שׂר
צו באַזען יענע טעג פֿון געוויטער?

צעשאַל איך און צעציטער
דײַנע אויסגעוויינטע בשׂורות

צו אַ וועלט אַן אומדערהערטער;
לייג זיי אויס אין פּשוטע
ייִדישע
ווערטער
און בעט:—
דו, וואָס ביסט דער היטער
בײַם טויער פֿון אָט דעם טאָל,
שטאַרק מיך און זאָג מיר צו,
אַז ער שלאָפֿט נישט און וואַכט
דער שומר פֿון ישראל.

אויף דײַנע בערג

איך גיי-אויף אויף דײַנע הייכן, ירושלים,
דײַנע דערנער בליִען.
איך גיי-אויף אויף דײַנע בערג, ירושלים,
צום גרינעם אָטעם פֿון הר ציון.
איך היפּער פֿון היגל צו היגל מיט פּסוקים פֿאַרגעדענקטע
אין מויל,
דײַנע קיזלען ווערן שפּיזלען און שטעכבערס
און דער חלל אַרום מיר — הויל.

איך גיי-אויף אויף דײַנע הייכן, ירושלים,
הי פֿון מײַנע אַלע אינדערפֿריִען
איך הייך זיך אַרויף צו דעם צוהר,
ווי כ׳וואָלט זיין אַ פֿויגל אין פֿליִען.
פֿון צפֿון ווינקט אָן מיר דער חרמון
מיט אַ ווײַסקייט פֿון שנייִקע ווײַטן,
און פֿון פֿאָרן קומט דער ווינט אָן צעזאָטן
מיט רוגזה, אויף פֿײַערפֿערד צו רײַטן.

מײַנע פֿיס צעוווּנדיקט. איך קלעטער און קלעטער
אַנטקעגן דעם טאָג וואָס גייט אויס.
אַ פֿאַר נאַכט — זײַנע אויגן פֿאַרצויגן מיט נעפּלען —
קומט צו גיין מיט אַ צוויי-שאַרפֿנדיקער שווערד.
דאָס היפּן און שפּרײַזן ווערט שווערער און שווער
כאָטש איך פֿיל שוין מער נישט קיין ערד.

איך טרייסט זיך אַליין און זאָג:
אויף משהן איז תּפֿילה שוין לעצטע
הענגען געבליבן אויף די לעפֿצן,

ווען ר׳איז געשטיגן פֿון נבו ביז דער פּסגה
און דעם טויער פֿון די תּפֿילות נישט דערגרייכט.
און וויפֿל זונען, אויסגעגאַנגען אין געפֿלאַטער,
טויכן אויף פּונעם ים צו דײַן הייך?

שטײַג איך אויף דײַנע בערג, ירושלים,
בײַם אויסגיי פֿון טאָג, און ווי **ער** איך זאָג:
ו א ת ח נ ן!-
און איך האָב דיך געבעטן ווען געוועזן כ׳בין נאָך קליין,
און בעט אַצינד, ווען אַלע כוחות שוין פֿאַרוויאַנען,
נאָר פּונקט ווי דאַן וואַרט אַ קוש איינצושלינגען דאָס געוועין
און דער טויער פֿון רחמים איז ווײַט,
ווײַט אַזוי פֿון דאַנען.

מיט חשוונדיקן רעגן

מײַנע בליקן
שטרעקן אויס זייערע העלדזער צו די הייכן,
זיי ווילן גרייכן די פֿענצטער פֿון הימל
און מיט רייד פֿון געבעט זיי פֿרעגן:
איז אמת וואָס עס זאָגן הייליקע ספֿרים,
אַז מלחמה איז דער אָנהייב פֿון גאולה?
קומט מיר אַנטקעגן מיט ברוסטן אָנגעגאָסענע,
אַ פֿאַרשעמטע, הײַנט-געוואָרענע אַלמנה,
און עס פֿאַלן אירע בליקן אַראָפּ פֿון די ווײַעס
ווי פֿון תּליות.

אַ בלימל בײַ מײַן שוועל,
דערוואַכט אין האַלבער נאַכט,
וויל מיט בשׂמים-ריח פֿאַרשטעלן די סכּנה.
עס פֿינקלט דער ווײַטסטער שטערן
וואָס צדק איז זײַן נאָמען
און שנײַדט דורך די פֿינצטערניש פֿון חלל.
נאָר אָט קומט צו גיין דאָ מײַן טאַטע,
אַן אָנגעטאָנענער אין יום-כּיפּורדיקן קיטל,
און וויל מתקן זײַן אַ געבאָט און אַ תּיקון:
צונויפֿנעמען אבר צו אבר
פֿון די אומגעקומענע אין דער הייך און אין דער נידער
און מיט הלל-לידער זיי ברענגען צו קבֿר-
ישׂראל.

קראַכט די נאַכט און עס קראַכט דער חלום,
נאָר מײַנע בליקן פֿרעגן אַלץ און פֿרעגן:
איז אמת וואָס עס זאָגן הייליקע ספֿרים,

אַז מלחמה איז די התחלתא דגאולה?
עפֿענען זיך צעפּראַלטע די פֿענצטער פֿון הימל
און שיקן אַרויס כּמאַרעס — אָנגעטרונקענע, פֿולע
מיט חשוונדיקן רעגן.

אַז דער טאָג איז געוואָרן

דער ווינט,
אַן אַראָפּגעלאָפּענער פֿון די שטערן,
האָט טראַציק צעבלאָזט דעם ווײַסן געבלי פֿונעם דאָרן,
אים צעשאָטן ווי דעם שניי,
געשאָטן און באַפֿוילן:
גיי און זאָג, אַז עס קומט אָן אַ טאָג.

איז דאָס פּוכיקע געבלי פֿול זריזע
געגאַנגען
און זיך געשפּרייט אינעם פֿליִען
איבער פּלויט און איבער דאַך פֿון שטאָט
עלעהיִ אין שליחות פֿון גנאָד.

און ס׳האָט קיינער נישט געזען און נישט געהערט
ווי די שווערד האָט געפּאָכעט איבער שטעט פֿון גליל.

און ס׳איז געווען שטיל. און אַלץ איז געווען באַשערט.
בלויז אין אויגן, וואָס האָבן שלווה אויסגעקוקט,
האָט געשטאָכן ווי ווילדבלום דער צאָרן.
קינדער אינעם חלום האָבן ווייק געשריגן
און, ווי תמיד, פֿרייִלעכע דערוואַכט.
און ס׳איז געפֿאַלן און געפֿאַלן
דער ווײַסער געבלי פֿונעם דאָרן
ביז אויסגעגאַנגען ס׳איז די נאַכט.

און נאָך איידער דער טאָג איז געוואָרן
האָט אַ הויך אַראָפּגעהויכט פֿון די הייכן
דאָס געגיי פֿון דער שנאה צו שחיטהדיקער מעסע.

די אויסגעשליפֿטע מעסערס געשטשירעט צו דער זון
וואָס אין נעפּלען באַהאַלטן נאָך געלעגן,
וואָס מיט בערג געוועזן נאָך פֿאַרשטעלט,—
און מיט לויב צום האַר פֿון דער וועלט
געזונגען דאָס ליד פֿון האָרסט וועסעל
אין זייער כאָרכלענדיקן לשון.

און ס׳האָט קיינער נישט געזען און נישט געהערט
ווי די שווערד האָט געפּאָכעט איבער שטעט פֿון גליל.

און אַז דער טאָג איז געוואָרן
און די זון איז אַרויף אויף די באַרגיקע טרעפּ,
האָבן פֿון קאַיאָר ביז אין שפּעטן אין־דער־פֿרי,
אין די בלויע ליקלעך פֿונעם הייליקן אר״י
מאַמעס, אין פּײַנען, געתחינהט און געיעלה׳ט
און טאַטעס האָבן אויסגעוויינט פֿון תהילים קאַפּיטלעך—
מאין יבוא עזרי־פּסוקים פֿון שיר המעלות.

און דער טאָג האָט געפֿלאַקערט איבער צפת און מעלות.

ווי די לויטערקייט פֿון הימל...

כזוהר הרקיע מאירים..

אין אַ בלענדנדיק לויטערן נאָכמיטאָג
האָט דער הימל,
אַ וווּנדערלעך צעשטראַלטער,
געזונגען זיך אַליין אַ לויב.—
אַ לויב צו גאָט,
אַ לויב צו די מלאכים
און נאָך דעם—
שלווהדיק אַראָפּגעקוקט צו צעשניטענער ערד
און דערהערט
ווי אין בראָך און וויי עס יאָמערט
אַ ווײַב,
אַ קינד,
א מאַמע,
אַ טאַטע—
אין דעם בלענדיקן לויטערן נאָכמיטאָג.

דערהערט?!—
קאָן אַ הימל דען דערהערן?
פֿאַרשטייט דען הימל מענטשן-לשון?
און "די טעג זענען פֿלינקער פֿון די לויפֿער,"
און די פּײַן פֿרעסט
שנײַדט אָן אויפֿהער
און דאָס אָבל-יאָר אײַלט זיך און יאָגט.

קלאָגט דאָס יאָר און עס קלאָגט דער חודש
און די ערד
עפֿנט אירע ד' אמותדקע שניטן

און נעמט אין זיך אַריין
קאַסטנס
פֿון סאָסנע־ברעטער רויע
מיט גופֿים אונטערגעשניטענע,
געפֿאַלענע אין יום הדין.

און נאָך איידער ס׳איז אַראָפּגעפֿאַלן
דער יאָדעפֿאָרמיקער פֿאַרנאַכט
זענען אַרויף צו די הייכן דאָס געוויין
און דאָס געשריי
פֿון אַ מאַמען, וואָס וויל וויסן פֿ אַ ר וו אָ ס,
און אַ טאַטע — דעם זין פֿון פֿאַרגיי,
און נאָך זיי —
די פּסוקים,
די הייליק־רייד
און —
ווי נישט פֿאַרשטאַנען זייער באַשייד
(קאָן אַ הימל דען פֿאַרשטיין?),
האָט ער ווידער זוניק זיך צעזונגען
און אויסגעזויגן פֿון אַלע פֿעלדער דאס זומערדיקע גרין,
ביז אימהדיק־חזניש ס׳האָט אין אבלות זיך צעקלונגען:
„ווי די לויטערקייט פֿון הימל,
אַזוי לויטערן
און לײַכטן
די נשמות
פֿון דײַנע
זין״...

אלול, תשל״ד

פֿלאַקער, פֿלאַקער

פֿלאַקער, פֿלאַקער שײַטער,
פֿלאַקער צו מיר און צו מײַן געמיט.
דער רײַטער וואָס האָט די דרײַ-און-דרײַסיק טעג
געשלונגען אין גאַלאָפּ,
איז אַוועק מיטן ניגון אין געיעג.
און דער וועג איז פֿאַרכמאַרעט און שוואַרץ
פֿונעם פֿײַער וואָס צעפֿלאַקערט דער שײַטער
און דער ווײַסער מקונן וואָס פֿון צער איז אַנטגאַנגען
דאַוונט אויס דעם אומענדלעכן **ווײַטער**.

פֿלאַקער, שײַטער, צו מיר, צו מײַן געמיט.
זע, דאָס ליד וואָס זינקט אַראָפּ פֿונעם באַרג
פֿאַלט אַרײַן אין געוואָי פֿון מײַנע טריט.
די תּלמידים, די אויסגעשחטענע, וואָס שוועבן דאָרט אַרום
היטן דעם מירון ווו ער איז,
און אַלע פֿײַערן פֿלאַקערן
אין פֿײַער צו דערגרייכן זײַנע פֿיס.

אוי, שײַטער, שײַטער,
גיי אויף אויף דער לייטער פֿון מײַן חלום.
דעם טאַטנס הויז, מיט די קינדער, מיט דער מאַמען
האָט דאָך אויבעט אַ פֿײַער פֿאַרצערט.
און אַז די פֿלאַמען האָבן דאָרט קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט
און דאָס אַש האָבן ווינטן צעטראָגן,
ווער וועט זאָגן פֿון וואַנען עס קומט זייער גערייד
און פֿאַר וואָס פֿון טרויער וואַקסט אַרויס גאָר
פֿרייד?

אַ וואָך האָט אַרײַנגעגרויט

דער קלינגפֿויגל—
אַ געצירטער אין שוואַרץ און אין בלאָ,
האָט אויסגעקלונגען די שעה אויף מײַן בוים.
זיין טרוים—
די פֿלוים פֿון צווײַגן העכסטע,
פֿון דער קרוין—
איז פֿון פּיקן זײַנעם קלאַנגיק אַראָפּגעפֿאַלן
און די רו אויפֿגעריסן.

דער שבת,
מיט שלוש-סעודהדיקן ביסן,
האָט מײַן ציטער מיטגענומען און איז אַוועק.
אַ וואָך האָט אַריינגעגרויט אין הויף
און דעם פֿויגלס קלינגען האַסטיק געשלונגען.

פֿאַרזונקען אין מי׳ם טי׳ת-שערי-זאָרג
האָב איך קוים דערהערט דעם מולדס שרײַ.
דער חלום, אַ קריִע בלײַ, איז אין תהום אַראָפּגעזונקען
טיפֿער, טיפֿער.

האָט דער פֿויגל זיך צעקלונגען אויף דאָס נײַ
רופֿנדיק טרעוואָגע,
מיט אַ לשון-גאָס אַן אויסגעמישטן
ווי בײַם דור הפּלגה,
נאָר קיינער האָט נישט פֿאַרשטאַנען זײַן גערוף
און ס׳האָט קיינער נישט פֿאַרשטאַנען זײַן צעקלונג,
אַלט און יונג האָבן אָפּגעוואַרט אין פּחד
די קומענדיקע וואָך.

אין אײַליקן פֿאַרגײ

אין אײַליקן פֿאַרגײ פֿונעם טאָג
האָבן אויגן אויסגעגלאָזטע,
ווי פֿון ווײַס אַרויסגעפֿאַלענע,
אויפֿגעבאַפּט ס׳קהלת-גאָלד פֿון מערב
ווי דאָס לעצטע ביסל חיות.
אַ קילער וויי האָט דערלײַכטערט און געשראָקן.
האָב איך, אין פֿאַרלוירענעם ליכט,
די הענט מײַנע אויפֿגעהויבן
ווי צום פֿײַערלעכן בענטשן
און אויף די גאַסן גרוי-געוואָרענע דערזען
מענטשן.

מענטשן—אַנטלאָפֿענע פֿון טאָג, ווי באַפֿרייטע,
מענטשן אויסגעמאַטערטע-באַנייטע,
מענטשן לאָזן זיך אַהיים,
גרייכן טירן,
טויערן,
פֿרייען זיך און באַדויערן.
און איך—אין אַליינזאַמקייט געפֿאַנגען,
כאַפּ אויף אַ צויט פֿון מידע געזאַנגען.

ביז דער ים צעעפֿנט זײַנע אָרעמס,
נעמט אַרײַן ס׳ליכט און ווערט פֿאַרמאַכט,
און די שויבן, וואָס האָבן נאָר-וואָס געבלוטיקט
צעקושן זיך פֿלאַמיק מיט דער נאַכט.

אין אָפּגיי פֿון וועג

איך,
וואָס בין געגאַנגען אין אַ זײַט
פֿון ברייטע צוזאָגנדיקע שליאַכן,
און אַז דער ווײ האָט יאָמערדיק געשריגן
אַרויס פֿון מײַן גײ מײַן יעדן,
האָב איך דעמאָלט געוויינט אינעם לאַכן—
דערלאַנג דיר איצטער מײַן האַנט
בײַם אָפּגיי פֿון וועג.

געדענקסט די נעכט און די טעג
פֿון בײדע זײַטן גרענעץ?
אין יענער זײַט חלום האָט אַ פֿעלד אויף אונדז געוואַרט,
אַ וואַלד,
אַ הימל,
זעליקייט אַ שמץ
און אַ טאָל מיט קוואַלן אויסגעדאַכטע,
נאָר דער באַרג האָט אַלץ פֿאַרשטעלט.

איצט,
נאָכן שלײַכן בײַ דער זײַט פֿון אָט די שליאַכן,
אַז איך קום צוריק צו דײַן שוועל
הויל,
נאַקעט
און אַליין,
דערוואַכט די נאַכט, פֿון טרערן אָפּגעוואַשן,
און דער וועג וואָס גייט אָפּ צו יענער זײַט וועלט
מאַניעט און העלט.

ביז וואַנען דער טאָג

ביסט אַלט מײַן בוים

ביסט אַלט מײַן בוים, ביסט אַלט.
סע פּלאַצט דײַן קאָרע אין פּאַסן און אין שטיקער.
אין הייסן תמוז פּיקט דער פּיקער פֿון דיר ס׳חיות
און דו פֿיבערסט, ווי זײַן עס וואָלט דיר קאַלט;
דײַן קרוין צעפּאַלט, נייגט אַראָפּ אַן אויסגעדינטע,
און פֿון אויגן כביכולס טריפֿן אויף דיר טויען
און וויינען.

דײַנע פּאַלנדיקע בלעטער לייענען
ווי פֿון אַן אָפּן ספֿר—לעצטע שטראַלן, שקיעה-ליכטער.
ביסט ניכטער אין דײַן ווײ,
שטאַלטיק אין דײַן פֿאַרגײ
און אַרום,—צו יעדער בלום
קוקסט מיט דורשטיקע בליקן.
נאָר איך, וואָס וויל מיט וואַסערן קוואַליקע דיך קוויקן
ברעך די הענט אין באַדויער.

אַ שטיין ווען וואָלט זען דאָס אַצינד
וואָלט פֿון טרויער אָט דעם בוימישן אויך זיך געבראָכן—
הלמאי די בינען
וואָס ראָיען אַרום דײַן וווּנדיק לײַב,
ווי אויסגעטראָגן דאָ זיי וואָלטן אַלע זייערע יאָכן,
טרינקען אויס דײַנע לעצטע סאָקן.
נאָר מײַנע אויגן וואָס קוקן דאָס צו
פֿאַרלירן אויף שטענדיק שוין די רו.

ביז וואַנען דער טאָג

ביז וואַנען דער טאָג וועט נייגן
און זיך לייגן געשאָכטן ווי דער לאַם,
איַיל דיַינע טריט און פֿיר זיי צום וועג.
די טעג זענען קירצער היַינט ווי תּמיד
און די זון קומט אַוועק ווי ביַים תּם
אינעם חומש. נאָר די ציַיט איז היַינט אַן אַנדערע
און אַנדערע — די שטיינער,
צי טרעפֿן וועסט דאָס אָרט? —
עס ווייסט דאָס נישט קיינער.

ביז וואַנען דער טאָג וועט נייגן
און וועט פֿאַרטונקלען דעם הימל און דאָס זען,
זע דעם בוים אין זיַין אָדרדיקן נס
און לערן זיך ביַי אים.
אויב דער סוד פֿון זיַין בלי איז פֿאַרהוילן
און פֿאַרבאָרגן זענען די וועגן פֿון באַשאַף,
קומען פֿייגל פֿון מערב אָנגעפֿלויגן
און ברענגען פֿון דאָרטן די בשׂורה.

ביז וואַנען דער טאָג וועט נייגן
און דיַין אויער וועט אויפֿהערן הערן,
זאַפּ איַין דעם ניגון און די תּפֿילות
פֿונעם ריטל אויפֿן בוים,
פֿונעם גרעזל ביַי דיַין שוועל
און באַפֿעל:
דאָס גוטס פֿון דער ערד זאָל צו דיר געהערן.

האַרבסט אין בלי

כ'האָב זיך געפֿעדערט און אויפֿגעשטאַנען איידער ליכט
פֿרירנדיק אינעם טײַך פֿון געווען.
דאָס שטעטל האָט נישט געדרעמלט,
די לאָדנס זענען נישט געווען פֿאַרמאַכט,
און איך האָב מײַן געליבטע נישט גערופֿן
—ווי אין יענעם ליד פֿון מײַן ייִנגלצײַט—
אין מיטן דער נאַכט.
כ'בין געווען אַליין.

אויפֿגעשטאַנען ערב-פֿרי
בעת דער האַרבסט האָט זיך צעבליט אין מײַן האַרץ
און אין מײַן גאָרטן—די קאַקטוסרויז.
כ'האָב געזוכט דאָס הויז וואָס איז מער נישטאָ
און דאָרטן—אינעם ווײַטער-פֿון-געווען—
האָט געזונקען און געקוואַרט, אין גערעבעניש פֿאַרגאַנגען,
ווי די אויסגעריסענע זאַנגען
פֿון מײַן פֿעלד.

האָב איך זיך אַליין געפֿרעגט:
ווער האָט דאָס פֿאַרשניטן מײַנע זאַנגען
און זיי דערנאָך
אין נײַפֿעלד דאָ פֿאַרזײַעט אויף דאָס נײַ?
ווער האָט דעם פֿרילינג אינעם האַרבסט אַרײַנגעקנאָספּעט,
וואַקסן אים באַפֿוילן, זיך צעגרינען און צעבליִען?—

האָב איך זיך געפֿעדערט אין קאַיאָר פֿון קאַלטן האַרבסט
און אַרויס צו זײַנע פֿרוכטנביימער ווי אַנטקעגן קומענדיקע געסט,

האָב זיי שלום אָפּגעגעבן כאָטש קיין שלום איז נישט געווען
און אין די אַלטע ביכער מײַנע און אין די ביינער און גערענק-געפּעסן
האָט דער זומער שוין גערוט אַן אויסגעהוילטער פון דער צײַט,
נאָר דער האַרבסט—
דער האַרבסט מיט ווײנענדיקע הימלען
האָט געגרינט און געבליט
אין מײַן איינער-אַליין.

ערב רעגן

א

דער סוכות איז אַוועק.
ס'איז סוף און אָנהייב.
די ביימער אין מײַן גאָרטן און די רויזן
שאָקלען שווײַגעוודיק די קעפּ.
און דער ווינט—אַן עופּעלע
איז שטיל אײַנגעשלאָפֿן
אין ערב רעגן.

עלעף שטערן רופֿן דעם חלום,
בוקן זיך צו אים און זיי קניִען:—
אָ, כּתונת-פּסימדיקער זון,
קום און זײַ אונדז דער פּותר.
נאָר איך וואָס וואַרט אויף רעגן פֿאַר מײַן בייט
בין דעם חלום סותר.

עלעף גאַרבן, געבליבענע אין פֿעלד,
רופֿן פֿון דער פּרשה מיך
כ'זאָל זיי אײַנזאַמלען אין שײַער.
אויף דער ווינט, וואָס איז נאָר-וואָס אײַנגעשלאָפֿן,
דערוואַכט
און טראָגט אָן איצט אַ פֿײַער.
ווערט שוואַרצער דער הימל
און דער חלום ווערט שוואַרץ—
אין ערב רעגן.

ב

אויף די וועגן שפּאַנט דער בן-זקונים
ברענגען שלום צו זײַנע עלטערע ברידער
און פֿריד צו זייערע שאָף אויף דער פּאַשע.
און דער וואָס האָט געשיקט אים
זיי אַנטקעגן
קוקט צום הימל מיט אויגן שרעק
און פֿול מיט אימה.

און איך דערזע מײַן פּערלען אין מײַדאַנעק
און מײַן אפֿרים— אויף די פֿעלדער פֿון שלאַכטן.
כ׳זע דעם הימל וואָס מאָלט מיר דעם נעבטן
אַרײַן אינעם הײַנט מיט וואָלקנדיקע צייכנס
און די צוואָנציק זילבער-שטיק וואָס די ישמעאלים האָבן באַצאָלט,
און דער הימל מאָלט און מאָלט
פּחד און צוזאָג
און טונקלט מײַן ראיה.—
פֿון וואַנען אַזאַ שטיקונג אין האַרבסט-טעג אין שפּעטע
ווי אין פֿריִע?—

און דער רעגן האָט נאָך אַלץ נישט גענידערט.

דרײַ שטערן

יעדער וואָך,
ווי נאָר די וואָך גייט אַוועק,
באַזעצן זיך גערעכענישן אין מײַנע אויערן
און הויערן, ווי אונטער שווערן געפּעק.

אין אָוונט,
ווען אין הימל פֿינקלען שוין דרײַ שטערן—
דרײַ האַרפֿעס פֿון דרײַ בת-מלכּות געפֿאַנגענע,
פּיקן אין מוח דערמאָנונגען און לאָזן הערן
דאָס געזאַנג פֿון מעת-לעתן פֿאַרגאַנגענע:
אָ, גאָט פֿון אַברהם, פֿון יצחק און פֿון יעקב,
פֿאַרגאַנגען איז אַ וואָך,
פֿאַרגאַנגען איז אַ יאָר,
און אַ דור,
און צוויי,
און אַזוי פֿאַרגייט מײַן וועלט.

וואָס זשע פֿאַרלאַנגט איר פֿון מיר, זכּרון-קינדער מײַנע,
וואָס באַפֿעלט איר מיר, אײַער שומר-היטער?
זאָל איך אײַך אַרויסלאָזן פֿאַר די ביטערע געמיטער
אויף פֿרעמדן באַראָט,
צי נעמען אײַך מיט זיך אין מײַן וועג?

לאָזט דער שבת זיך גיין אין טריט פֿון די שטערן דרײַ—
דרײַ האַרפֿעס פֿון דרײַ בת-מלכּות געפֿאַנגענע,
און די גערעכענישן וואָס ריזלען אין מײַנע אויערן
לאָזן הערן דאָס געזאַנג פֿון מעת-לעתן פֿאַרגאַנגענע.

מיט אלולדיקן ניגון

צום קאַיאָר כ׳האָב אויפֿגעפּראַלט די טיר
וואָס האָט זיך געריסן פֿון גערדיכטן גרוי,
און אַזוי כ׳בין אַרויס באַלייטן ס׳יאָר
מיט אלולדיקן ניגון

דער דור,
וואָס מײַנע לענדן האָבן אויסגעוואַרעמט
און געמאַכט פֿאַר הערשער און געביטער,
איז נאָך געשלאָפֿן אַ זיסן שלאָף, אַ טיפֿן.

דער הימל— פֿונעם ניגון אויסגעשליפֿן—
מיט נײַע כוחות פֿון דער ערד זיך אויפֿגעהויבן,
האָריזאָנטן געשניטן,
נעפּלען געטריבן,
איבער בלינדע גאַסן פֿון מײַן שטאָט.

בין איך געגאַנגען אין דעם אויסגעקרײַדטן ראָד
דעם ״אני מאמין״ זיך געחזרט
און זיך געטוליעט צום מאָרגן-שטערן.
און דער דור,
וואָס מײַנע לענדן האָבן אויסגעוואַרעמט,
איז געשלאָפֿן אַ זיסן שלאָף, אַ טיפֿן
און דאָס רופֿן פֿון דער מאָרגן-ווידערין
און דעם ניגון, דעם דורות-אַלטן
נישט געקאָנט,
נישט געוואָלט
דערהערן.

חצב, די אלול־בלום

די אלול־בלום —
אַ שטאַלטנע,
אַ הויכע,
האָט זיך טייטלדיק שלאַנק
זיבן מאָל פֿאַרנייגט פֿאַר מײַן שוועל,
מילער־בלאַנק,
און זוניק־העל
אויסגערופֿן:
האַרבסט!

צום יאָר אַ זאָג געטאָן: שטאַרבסט,
און דאָס קומענדיקע פֿאַרבעטן: קום אַרײַן!
פֿון די טרויבן, אויף די שטענגלעך אַרום איר,
האָט געטריפֿט האָניקדיקער ווײַן
און איך האָב אויפֿגעפּראַלט מײַן טיר
אַרײַנצולאָזן איר חסד, איר שײַן.

איר דינער שטאַם,
מיט וואָרצלען אײַנגעזויגענע, טיפֿע,
האָט זיך אָנגעקליידט אין אַלאַבאַסטער־ווײַסן ציר —
בלימעלעך פּוכיקע, צאַרטע;
אין אַ שפּיז זיך אויסגעבויגן
קעגן בייזע אויגן
און קעגן דעם וואָס די בליצײַט פֿאַרקירצט,
פֿאַרשמעלט. —

אָ, זי געדענקט נאָך יענע צײַטן
ווען מ'האָט די לוין איר אָנגעטאָן,

געמאַכט זי פֿאר אַ שומר און זי גערופֿן חצב
און זי—
געוויזן האָט ווו אַ גרענעץ איז אין פֿעלד,
ווו עס טיילט זיך גאָטס באַשאַף,
און קינדער אַרום איר זיך אויסגעשטעלט אין קרײַזן,
איר שיין-זײַן מיט וווּנדערשאַפֿט באַטראַכט
און געבעטן:
זי זאָל זיך תּמיד אין איר בלי פֿאַר זיי באַווײַזן.

זענען,
בײַ איר איצטיקן באַווײַז,
מײַנע האָר געוואָרן מער נאָך ווײַס
און ווינטיק זיך צעפֿאַלן איבערן קאָפּ.
אַ בשׂורה איז אַראָפּ אין באַנגשאַפֿט אײַנגעהילט,
אין וויי,
דעם מידבר-זשאַר פֿון זומער גנאָדיק אויסגעקילט,
די בלימלעך אירע—פֿאַרגעלט און פֿאַרברוינט,
ביז דער אלול אַרײַן איז אין
תּשרי.

אַ ביימל מיט מאַנדערינעס

א.

איז קראַנק געוואָרן מײַן ביימל מאַנדערינעס,
האָט דער גאָרטן זיך געטאָן אַ צעציטער.
וואָרעם אַלץ איז דאָך בלויז בבחינת
אַ מענטש, ווען דאָס מזל פֿאַרביטערט.

אָט איז זומער. די חמימה גרויס אומגעהייער.
די מאַנדערינקעס קײַלעכן זיך און וואַקסן.
פּלוצים, קנייטשן זיך די בלעטלעך ווי אין פֿײַער
און אַ בליעכץ באַפֿאַלט דעם ביימל, ווי שלאַקסן.

ווי קומט אַהער נײַ-געבלי אין סאַמע מיטן תמוז?
ווער לאַכט דאָס פֿונעם ביימל דאָ, וואָס יונג איז און שיין?
איז דאָס די סאָווע מיט איר וואָיען מיר מרמז
דעם סוף פֿונעם ביימל — זיין באַלדיק פֿאַרגיין?

און אפֿשר דער הונט דער בייזער, אין רויט-ברוינע קאָלירן,
האַוקעט אויף דעם ביימלטשינע, ווי ס׳וואָלט שטיין איצט אין פֿלאַמען?
נאָר די רויזן פֿון אַרום באַלײַכטן עס, באַצירן
מיט פֿאַרבן און מיט דופֿטן — מיט חלומות באַלזאַמען.

ב.

פֿאַרוואָר
איך בין דער בוים, איך,
און מיך איז אַ בליִעכץ באַפֿאַלן —
אַ סטײַע היישעריקן.

פֿון חצותדיקן תיקון
איז אַ יאָמער-קול צו מיר דערגאַנגען
פֿון דער יונה הומיה,
מיך גערופֿן צו דער מויער
און צום רחמים-טויער,
ווי אין יענע צעצונדענע אינדערפֿריען
וואָס זענען נאָענט מיר אַזוי, נאָענט
און — וועלטן ווײַט.

טאַטע ליבער! —
איז דאָס געווען אַ צײַט
וואָס נישט געוואָלט האָט דיך אין זיך דערטראָגן.
און דו — מיט קינדער, אָן רינדער,
מיט תּפֿילות, מיט קינות און מיט פּלאָגן
האָסט רק געוואָלט זי דעריאָגן.

ביז אַ ווינט איז געקומען אויף שפּאַרבערס אָנגעריטן
צו פֿאַרווייען דיך און דײַן טרוים,
און די בלעטער פֿון דײַנע צווײַגן אָפּגעטרייסלט.

איצט,
אין אָפּגעטרייסלטקייט צעשטריטן,
שטיי איך דאָ אַזוי — אַ בוים,
אַן אָפּגעשאָטענער מיט נײַ-געבלי אין סאַמע מיטן תמוז
און די סאָווע מיט איר נאַכטיקער יללה
איז דעם סוף מיר מרמז.

געבעט אין טריקעניש

דו,
וואָס האָסט דאָס גראָז אַרויסגעגראָזט
נאָך איידער די ליכטער זענען געוואָרן,
און די ביימער וואָס טראָגן פּרוכט לויט דײַן באַפֿעל
האָסטו באַקאָרעט אין צײַט און באַבלעטערט
און בײַ זייערע קרוינען זיי געצויגן צו די הייכן—
גיס נישט אויס דעם צאָרן הײַנט אויף זיי
און אויף די לעבצנדיקע בייטן.

אָט גייט מײַן טראָט אַ שווײַגנדיק געגיי
פֿון דער טרוקעניש אַן אויסגעהוילטער
און פֿיבערט פֿון דײַן אַלמאַכט,
דיין כוח;
און איך, אַן אָדם אַן אונטערטעניקער,
גיי מיט אים און זינג אַ לויב דײַן ווערק,
דײַן זײַן,
דײַן זען,
זע זשע ווי נישט אויסגעוועפּט עס האָט דער רויך
פֿון יענע טעג—די נאָענטע און ווײַטע,
און מאַכט נאָך אַלץ שוואַרץ אַזוי דאָס גראָז,
וואָס האָסט אַרויסגעגראָזט אין אָנהייב פֿון די צײַטן.

אין זונפֿאַרגאַנג

אַ שטראַל,
אַן אײַנגעהילטן אין פֿאַרבן,
בײַם זונפֿאַרגאַנג כ׳האָב הײַנט אויסגעבעטן
און אים אויסגעטרונקען ווי אין אַלטסטע צײַטן —
נעקטאַר.
דערפֿאַר איז רויט מײַן שטערן
און אָפּגעברוינט מײַן פּנים,
ווי אין חמימהדיקן זאַנגענטאָג בײַם שניטער.

אַ סטרונע פֿונעם ים געטאָן האָט אַ ציטער
און אויפֿגעוועקט אַ ניגון אַ פֿאַרבענקטן.
ס׳האָט אָנגעיאָגט אַ ריח פֿון זאַנגען אָפּגעזוניקטע
פֿון אַ זומער אַזאַ ווײַטן אויף פֿעלדער פֿונעם חומש.
אויפֿן הימלזוים וואָס קושט זיך מיטן ים
מאָלט אַצינד דער קילער פֿלאָם
אַ פֿלאָט
פֿון שיפֿן גינגאָלדענע
און שיפֿלעך פֿון צעשמאָלצענעם קופּער.
אָט־אָט שווימט ער אָפּ צו מלכות נאַכט
און פֿירט אַוועק דעם אויסגעלעבטן טאָג
קיין אופֿיר.

האָט פֿון פּחד און פֿאַרדאַכט
זיך צעשריגן אַזש דער זאַמדנבערג
און אויף די פֿעלדער — די אויסגעבונדענע גאַרבן.
נאָר מיר האָט דער זונפֿאַרגאַנג געשאָנקען הײַנט אַ שטראַל,
אין אויסטערלישע פֿאַרבן.

פֿײַער-פֿונק

לזכר ש.ז. שזר

אין זשאַר
פֿון מײַן ליבע אויסגעברענטער
כ'האָב אַ פֿונק הײַנט אָפּגעפֿונען.
אַ רויטן
גאָלד-געגאָסענעם
פֿײַערפֿונק געפֿונען.

דער האַרבסט—
אַ צעלויכטענער אין מילדע זונען,
האָט דעם פֿונק
אינעם רונג
פֿון זײַן כמאַרע-פֿינגער אַרײַנגענומען
עלעהײַ אַ טײַערשטיין—
אַ חותם פֿונעם מלך.

איז פֿריילעך אויף די גאַסן הײַנט,
שיכּור די גייער און קומער,
נאָר קיינער זעט נישט,
אַז דער פֿונק
איז פֿון רונג אַנטרונען
צו וואַרטן
אויפֿן קומענדיקן זומער.

פֿון אַלע לאַו׳ן

דער חלום,
וואָס האָט אַראָפּגעקוקט צו מיר
פֿון אַלע פֿיר ווענט
מיט סאָווע-אויגן אויפֿגעריסענע,
האָט מיט שׂטן-הענט האָריקע מיך
אין הינערפּלעט אַרײַנגעוואָרפֿן.
אַרײַנגעשלײַדערט אין כּף-הקלע
און גיך,
און אײַליק
מיט מלאך-פֿליגל מיך דערברענגט
צו זונען רויטע, אומגעהייערע,
צו גרינע שלייערן פֿון לאָנקעס,
צו פֿעלדבלימלעך זיבן-פֿאַרביקע,
צו בלאָע סטאַוון שטייענדיקע
און דערמאָנט דעם לאַו פֿון אַלע לאַו׳ן:—

נישט פֿאַרגעס!—
געזאָגט צו מיר ער האָט מיט שלאָף-רייד נאַכטישע.
אין זײַן נישט-זײַן מיך געוואָרנט:
קום, שפּרינג אַרויס פֿון דײַן הויט-בעט
און זאָלן דיך די ווינטן פֿון דײַנע זעענישן
אויסהוילן.
זאָלסט דערציילן אַלץ,
גאָרנישט ניט פֿאַרגעסן,
גאָרנישט ניט פֿאַרהוילן—
אַזוי ווערט דיר איצט באַפֿוילן.

און אַז דו וועסט דערוואַכן
ווען די שפּיצן פֿון די בערג וועלן גרויען
און דערגרייכן צו דעם קעניגרײַך פֿון וואָרט,
און דאָרט—
די אייביקייט אַנטפּלעקן,
וועל איך אין דײַן וואַך זײַן דיך וועקן
נאָך פֿאַרן באַגינען
און רופֿן צו משפּט דײַן זכּרון
איידער דײַן חלום וועט אַנטרינען.

פֿאַרשוווּנדן פֿונעם הימל

דער בייזער ווינט, דער ווײ-און-ווינדיקער,
האָט אין גאָרטן זיך צעשריגן אויף אַלע קולות.
די פֿייגל — צעטומלטע, דערשראָקענע, —
געלאָפֿן צום אַלטסטן בוים זיך באַהאַלטן.
אַז גוט און אַז ווויל איז, אַז ס'איז דאָ וווהין צו לויפֿן —
בעת דער בייזער ווינט שרייט אויף אַלע קולות.

אַז די פֿייגל האָבן אַן אָרט געפֿונען קוים-קוים —
עס האָט זיי ווי אַ טאַטע אויפֿגענומען מײַן אַלטער בוים,
האָט דער ווינט גענומען רײַסן שטאַרקער נאָך און מערער,
ווי אַ פֿאַרשווערער געאײַלט מיט לעצט געלויף;
און איך — אָפּהענטיק, מיד און אויגן פֿול מיט ווײ
האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך דאָס ווינטיקע געשרײ.

נאָר, זע נאָר זע,
ווי די צווײַגן האָבן דאָס צעוואָרפֿן זיך, צעטרייסלט
און מיט יללות אַרײַנגעשריגן אין מײַנע פֿענצטער-שויבן,
דער בלויער דורכשײַן געוואָרן טונקל איז און גרוי.
דעם הויך פֿון מויל מיר צוגענומען.
נאָר אַז דערזען איך האָב די פֿייגלס טרערן
זענען אַלע שטערן מיר פֿאַרשוווּנדן פֿונעם הימל.

אָ, ווי מיד איך בין.
און דער שטורעם איז אַרײַן אין מײַן דרימל.

סודות

גליווערעם בלאָע און גרינע,
אַראָפּגעקומענע אוודאי פֿון די שטערן,
שטערן מיר צו הערן דאָס געשעפּטש פֿון די סודות.
די טונקלעניִש איז דין און דין איז דאָס בלוי און דאָס גרין
און איך — אין כּישוף פֿון דער פֿעלדער-נאַכט —
זוך אַרום דעם סוד מיט די אויגן.

דער בלויער בויגן — פֿון איין האָריזאָנט ביזן צווייטן —
צעעפֿנט מײַן האַרץ און מײַן אויער.
דער טרויער וואָס האָט זיך צעלייגט אויף מײַן ברעם
פֿון זינט דער טאָג האָט געניגט
טרעט אָפּ דעם שטומען גערעד פֿון די געוויקסן.
אָט וואַכט אויף אַ בוים און גיט צו זייגן זײַנע צווײַגן;
אָט גראָזן זיך די גראָזן מיט תּאוהדיק געקוויק
און גלעטן מײַנע באָרוועסע שריט —
אָט, און אָט, און אָט.

שטיי איך,
אַ פֿון טוי באַפּײַכטער,
און גאַף, און שטוין, און בעט: —
קומט און באַשײַדט מיר דעם סוד פֿון דער שטילקייט,
דעם יסוד פֿון געשווײַג וואָס דערשיטערט,
און זאָגט מיר איר שרעטעלעך, גליווערעם אין פֿלי,
ווער האָט אײַך געשיקט אַהער צו באַזינען מײַן הוי? —

זאַלבונג

דרײַ גייערס
מיט לאַבנס ברויט און אַ קריגל בוימל
קומען זאַלבן אַ מלך, אַ פֿירער
און מירע רינט פֿון זייערע פֿינגער.
די זון, וואָס איז אַרויס פֿון איר פֿוטערפֿאַס,
פֿלאַקערט און פֿלאַמט איבער פלוינען.
איז הייס אַזוי הייס אָט דער טאָג,
און הייס דאָס קול פֿון די זינגער.

אָ, ס'איז יום-טוב הײַנט בײַ אונדז אין שטאָט,
עס פֿרייט זיך קינד און קייט.
רייען,
רייען,
רייען
קומען אָן מיט פּאַראַדן
צו באַגעגענען מיט געשאַל די זאַלבער,
נאָר דער ווײַן וואָס רינט אין די גאַסן דאָ
שרײַט
ווי דאָס בלוט וואָס האָט פֿאַרגאָסן נבוזראדן.

קומען אָן די גייערס, — דער כּרך שוין איינגעשלאָפֿן.
איך,
וואָס גיי מיט זיי פֿון איידער טאָג,
בין פֿון אָט דעם ווײַנענגאָס אויך אַרײַן אין שלאָף.
נאָר ווען זאַלבן אין שפּעטער שעה
דאָס ווייסט נישט איצטער קיינער,
אפֿשר א י ם, וואָס שטייט און יאָמערט
בײַם טאָל פֿון די ביינער? — — —

פֿאַר וואָס?

דער מעליאַ-בוים,
וואָס שפּרייט אויס זײַנע מלכותדיקע צווײַגן
איבער מיר — זײַן שכן פֿונעם הויף —
איז גוט צו מיר, גוט ווי זײַן שאָטן,
און זײַנע שמאָלע בלעטער — לײַטזעליק-גרין.

אַז די זון איז הײַנט אַרויס פֿון איר פֿײַערשייד
און געפֿלאַקערט און געבראָטן פֿון באַגין
די זאַנגען, די אויסגעשטאַנענע אויף די פֿעלדער,
און דעם גייער אויף דער תמוזדיקער גאַס —
איז דער מעליאַ-בוים געוואָרן מײַן באַשיצער.

דער פֿאַרשטעל פֿון זײַן רײַכן געבלעטער
איז געוואָרן היילונג, דערקוויקונג, באַלזאַם,
ווײַל די חמימה, ווי דער שטרײַט צווישן איסור און היתר,
מאַכט מיד, מאַכט מאַט, מאַכט שוואַך.
שפּרייט ער שאָטנס איבערן קאָפּ, ווי אַ דאַך,
און זײַנע פֿינגער-בלעטער שפּרייטן גוטסקייט גרינפֿאַרביק.

פֿאַר וואָס זשע איז זײַן פּרוכט, די אויסטערלישע שיינע,
סַמיק און פֿאַרדאַרביק? —

מיט פֿאַרהוילענעם געשוועב

און ס'איז געווען נאָך האַלבער נאַכט
און דו האָסט פֿון שלאָף מיך אויפֿגעוועקט
מיט דײַן פֿאַרהוילענעם געשוועב.—
זעקס פֿליגל פֿון לויטער-ווײַס
האָבן מײַן חלום אַרומגעוועבט,
נאָר די וואָר איז געלעגן אין כמאַרעס אײַנגעהילט
אין גראָ.

די שעה, די שפּעטערדיקע,
וואָס האָט געגרייכט די שפּאַרעס פֿון מײַן לאָדן,
האָט קיין זון נאָך נישט געטראָגן.
דאָס געברום פֿון דער טויב אין יענער זײַט שויב
וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט צו יאָמערן און קלאָגן,
האָט דעם שלאָף פֿון מײַנע ווײַעס אַראָפּגעביסן
און צו וואַכקײַט מיך געריסן,
צו זכרון.

האָבן בײַ מײַן בײַשטידל זיך אויסגעשטעלט די יאָרן
פֿון נעכטן, פֿון הײַנט און פֿון מאָרגן,
קשיות מיך צו פֿרעגן, ענטפֿערס און באַשייד,
בעת איך—אָרעם בין אין מעשׂים
און אין רייד.

האָסט דו פֿון טיפֿן שלאָף אויפֿגעוועקט מיך
מיט דײַן פֿאַרהוילענעם געשוועב—
זעקס פֿליגל טהור-ווײַס מײַן חלום אַרומגענומען
און אים באַפֿוילן: ל ע ב!

רויזן אין וואַזעס

איך לען זיך אָן

איך לען זיך אָן אין דיר, וואָרט פֿון וואָר און חלום—
אַן אויסגעמאַטערט מידער אין אַ וואַנט.
איך,
וואָס אויסגעקליבן דיך פֿון אַלע, אַלע ווערטער
און דײַן באַשערטער כ׳בין אַ לעבן לאַנג—
אין דיר איך לען זיך אָן.

איך לען זיך אָן אין דיר און אין דײַן גאָלדנקלאַנג
און זע—
די צײַט האָט אײַנגענעסטעט זיך אין מײַן יעדן גיד און אבר
און אין מײַנע האָר—אַ ווײַסער שניי האָט זיך באַזעצט.
נאָר איך צערטל דאָך דײַן אָפּהילך טיף אין מיר כסדר
און אין דיר איך לען זיך אָן.

וואָרעם צו מײַן׳ קבר דו וועסט קומען
און ווי דער מלאך-דומה
אָנקלאַפּן אינעם שטיין און רופֿן מײַן נאָמען,
וועסט דערמאָנען מיך אין טעג
לויטערע און טריבע,
און איך וועל דיך הערן ווי איך הער דיך אַצינד
פֿאַרפֿירעריש-בלינד—
ל י ב ע !

פֿון גלבועס הייכן

פֿרי, גאָר פֿרי
זענען פֿייגל קדושהדיק געשפּרונגען.
אַ ליכט, צווישן שבֿטדיקע כמאַרעס,
האָט געטריפֿט וואַרעמקייט אויף ווינטערדיקע פֿינגער.
איז געוואָרן יינגער מײַן בוים פֿון מאַנדלען
און פֿאַרגאַנגען אין טראָגן:
אויף זײַנע צווײַגן די נאַקעט-הוילע
האָבן גרינע קנאָספּן אַ בשורה אויפֿגעפֿלעמלט.

פֿרי, גאָר פֿרי
האָבן פֿייגל תּפֿילות אויסגעזונגען.
אַ ניגון האָט אַרויסגעקלונגען פֿון טיר און פֿון פֿענצטער,
איבער מאָרגנגאַסן רעשיק זיך צעלאָפֿן.
האָב איך זיי קאַשע אויסגעשאָטן
אויף ווײַסער ערד פֿון שבת-שירה
און פֿון גלבועס הייכן
האָט אַ וויי געטאָן מיט מירע.

גענאָד

— פּירען

ס׳איז רחמימדיק די שעה איצט,
זי איז מילד און איז ווייך
און אין איר צו דײַן גענאָד איך וויל דערגרייכן.
מײַן אויסטראַכט-שיף איז אָקערשט אָפּגעשווומען
צום ווײַסן, ווײַטן שטערן-טײַך—
צו אויסגעטרוימטע הייכן.

און די זיבן הימלען זענען איצטער אָפֿן—
אַוועקגענומען זייער וואַך.
אויך די מאָרגן-אינדין איז אַנטלאָפֿן
איידער ס׳איז אויסגעגאַן די נאַכט.

און אַז די נאַכט איז אויסגעגאַנגען
און דײַן גענאָד פֿאַרשמעקט האָט מיט מירע,
האָט אַ פּערלקייט מײַן האַלדז אַרומגעקריינט
און צוגעבונדן מיך צו דיר
מיט שירה.

אוודאי וועט די שעה

אוודאי וועט די שעה מיר פֿאַרגעבן
און פֿאַרוועבן דאָס גרוי פֿון מײַן וועג.
נאָר ווען דו וועסט באַדויערן מײַן סך-הכל —
מײַן לויף, דעם אָפּגעהאַלטענעם פֿון געיעג,
וועט מײַן אויג שוין זײַן דאַן פֿאַרמאַכט
מיט נאַכט.

נאָר די נאַכט וועט אוודאי מיך פֿאַרהיטן.
זי וועט באַשיטן מיך מיט שטערן
און מיט טרערן,
מיט ווינטן
און געוויי,
און אַזוי וועלן מיר וואַרטן און וואַרטן
ביז דער שטורעם וועט פֿאַרבײַ
און פֿון גאָטס טורעם וועט אַרויס
אַ זון — פֿון דאָס נײַ.

מיט אַ שנעלקייט פֿון פֿלאַמען

ביסט געקומען בײַנאַכט
פֿלעכטן מײַן חלום אין מײַן שוועסטערלס צעפּ.
אָפּגעהאַקטע קעפּ האָבן זיך געקײַקלט
באַרג אַראָפּ,
אַראָפּ,—
ס׳איז געווען דער טאָג
ווען דער כהן האָט געשיקט דעם האָריקן באָק
צום עזאָזל
און איך בין געשטאַנען פֿאַרלוירן און אַליין
בײַ דער שוועל.

האָסטו וועגן און שטעגן געעפֿנט צום תהום
און געשטויסן מיך גיין—אַ בלינדן
מיט ווינטנדיקע בײַטשן געשמיסן מײַן רוקן
כּ׳זאָל, חלילה, נישט קוקן אויף קעריק.

און איך בין געגאַנגען אַ געיאָגטער פֿון פֿײַנען
מיט אַ שנעלקייט אַ רויטער פֿון פֿלאַמען,
ביז וואַנען דער וואַלד איז געקומען מיר אַנטקעגן
מיט ריח פֿון ברענענדיקע שטאַמען.

נאַכט בײַ נאַכט

נאַכט בײַ נאַכט דו קומסט און קניסט בײַ מײַן בעט.
און איך האָב זיך שוין אײַנגערעדט, אַז
דאָס האָט אַ חלום אין מיר זיך אײַנגעזעצט
כ׳זאָל דיך זען בײַ מײַן בעט יעדע נאַכט,
נאַכט בײַ נאַכט,
מאַך איך צו די אויגן און איך זע:—

נאַכט בײַ נאַכט קומט יצחק צו זײַן טאַטן אברהם,
צו זײַן אַלטן טאַטן אברהם
און בעט אים און בעט:
טאַטע מײַנער, כ׳וויל נישט זען דאָס אָרט מער,
דעם באַרג מיט דײַן חלף,
דעם מלאך און דעם לאַם,
און דאָס וויינען פֿון די מאַמעס בײַ דער פּרשה
אויפֿן גורל מײַנעם—נאַכט בײַ נאַכט.

שטיי איך אויף און
גיי אַרויס צום כּישוף פֿון דער נאַכט
דיך זוכן אַ פֿאַרבליבענע אין דרויסן.
און די גאַס איז ליידיק און ליידיק איז די שטאָט,
און אַ ליידיקע—זי ווערט אַ טרויעריקע אַרענע
ווו דער שלעגער, מיטן הערש-צייכן אין האַנט,
קומט דאָ קעמפֿן פֿאַר מײַן ווויל—
נאַכט בײַ נאַכט.

זע, ווי ריין

זע, ווי ריין איז מײַן האַנט,
ווי לויכטיק-קרישטאָליק איר הויט.
איך האָב זי אין טײַכל געוואַשן,
בײַם אַלטן הילצערנעם פּלויט—
דערפֿאַר איז ריין איצט מײַן האַנט.

זע, ווי לויטער מיין בליק.
ווי זעעוודיק ווײַט איז מײַן אויג.
כ׳האָב עס אין שלאַקסן געוואַשן,
אין זאַלץ פֿון טרערן, אין זייער לויג—
דערפֿאַר איז לויטער מײַן אויג.

נאָר לאָמיר אַ רעד טאָן צוריק:
איז צײַט נאָך געבליבן גענוג
צו האַלדזן דאָס גוטס מיט דער האַנט,
זענען טראָפּנס געבליבן אין קרוג?

און ס׳איז דאָך פֿאַראַן אַזאַ בריק
וואָס דערנענטערט מײַן דאַנען אַהין
אַוווּ דער שפּעטרעגן איז ריין,
ווי דאָס ציגעלע בײַ דער וויג.

זע, ווי ריין איז מײַן האַנט.

הוריות

דער וואָס האָט צעטריבן די פֿייגל פֿון מײַן בוים
איז געווען אַ ווינט,
אַ געקומענער געהילט אין דער שעה.
ר׳האָט זיך קלאַפּן געשטעלט אויפֿן האַרץ פֿון מײַן טיר
און געזאָגט:
כ׳בין אין דיר — אין דײַן רמ״ח און שס״ה,
און דו,
ווי בלינד ס׳זאָל זײַן איצט דײַן טרוים,
דערזעסטו נישט מיך, דעם ווינט,
וואָס דו אַליין האָסט באַשאַפֿן.

די טראַפּן פֿון יעדן דײַן וואָרט
רעדן-אויס דאָס געקלאַנג פֿון די סופֿ׳ן
דו, וואָס האָסט אין זינד מיך געבוירן
און מיט לידער פֿון גלוסט מיך געהילט
ביסט דערנאָך פֿון זיך אַליין אַנטלאָפֿן.

אַצינד,
אַז איך ווייע אַרײַן אין די נעסטן
און צעטרײַב אַלע פֿייגל פֿון דײַן בוים,
דערזעסטו נישט מיך, דעם ווינט,
וואָס מיט דײַנע הוריות און זינד
אַליין דו האָסט באַשאַפֿן.

רויזן אין וואַזעס

רויזן רויטע אין וואַזעס,
איך שפּיל מיט אײַך היינט אין פֿאַנדן.
די מידע פֿייגל פֿון דאָרטן
האָבן איצט געטון דאָ לאַנדן.
זיך געשטעלט אויף קוסטן אויף אײַערע,
אויף שטענגלעך נאָר-וואָס באַשניטענע,
און מיר מ׳האָט געשיקט אײַך — שליחים
פֿון וואַסערן זיסע, פֿאַרבאָטענע.

רויזן רויטע אין וואַזעס —
איך שפּיל מיט אײַך היינט אין פֿאַנדן.
באַקומען אײַך געסדרטע, שלאַנקע,
אַרומגעבונדענע מיט באַנדן.
דורך אײַך מ׳וויל מיך באַגריסן
צום טאָג און צום יאָר פֿון מײַן געבוירן
און איך גיב אײַך אײַן גאָר אין קאָן
מײַן אויפֿגעוואַכטן זכרון.

רויזן רויטע אין וואַזעס —
ס׳איז אַלץ אַזוי דאָ באַשערט.
אויך אונדז זענען אויסגעציילט די טעג
און די שעהען אויף אָט דער ערד.
אײַערע ריחות איך זאַפּ אין מיר אײַן
און קוק זיך אײַן אין אײַך און איך שטוין, —
אײַער יעדער שטענגל איז אַ סצעפּטער
און יעדער קנאָספּ — אַ קרוין.

אויף די צווײַגן

אויף די צווײַגן פֿון מײַן פֿלוימענבוים
כ׳האָב אויפֿגעהאָנגען הײַנט מײַן אומעט
פֿאַרן ווינט,
פֿאַרן רעגן—
נאַ, זע אים און גיי אים אַנטקעגן
ווען די גרויקייט טוט אַלץ פֿאַרשיטן.
פֿאַלן פֿון אים די בלעטער מיט פֿוילונג
ווי אין שלאַכטן—
ברוינע,
געלע און
פֿאַרשעמטע,
אין צעקלעמטע פֿאַרנאַכטן.

און אַז דער אָוונט פֿאַלט צו אומגעריכט
און טראָגט דעם מולד שוין אין די פֿליגל,
קומט דאָס ליכט פֿון די שטיבער
און זאָגט גוט-יום-טוב דעם טרויער.
דער ווינט רוישט און רעשט אַרײַן אים אין אויער:
זע דעם בליאַסק פֿון מאַראַנץ אַן אָנגעטוענער אין גאָלד,
זע די בליענדיקע אַסקעדינע—אין ברוין-ווײַסע בליטן,
זע די נאַרציסן, די רויזן, די גראָזן אויפֿגעגאַנגענע
און הער דעם ליכטלדיקן ניגון
וואָס האָט הײַנט דעם חלל דורכגעשניטן.—

אַכט רײַטער פֿון ווײַטע שלאַכטן
מיט פֿײַער-פֿאַקלען זענען אָנגעריטן.

אדון עולם

כ׳שטיי אויף.
איך עפֿן מײַן פֿענצטער צו מזרח:—
גוט מאָרגן, נײַגעבוירענע שײַן!
מיט שלאָף, מיט חלום, מיט נעכטן
בין דיך מקבל מיט ברויט און מיט ווײַן.
נאָר אָן דאָרט, צווישן הימל און די בערג,
ווו דײַן גאָלד גיסט זיך אויס און לאָזט זיך גיין,
כ׳האָב דערהערט דעם אוי פֿון געבוירן
און דאָס אור-ערשטע פּחדימדיק געוויין.

אדון עולם!—קניט דיר הכנעהדיק-צופֿוסנס
אַ תּפֿילה פֿון אַן אָרעמען אין נויט;
די פֿייגל—אויף ביימער און גראָזן
און די קלינגעוודיק-צעזונגענע אויפֿן פלויט
זאָגן אָמן צו זײַן געבעט,
אָמן—צו זײַן שרעק,
אָמן—צו זײַן לויב,
און עפֿענען די שנאָבלען צום רויב.

און אָט צעגיסט זיך דאָס בלענדנדיקע ליכט,
זאַלבט דעם הימל,
זאַלבט די ערד,
גילדט די הײַזער און יעדן חלק פֿעלד,
נאָר אין אַלץ איך הער ס׳געוויין פֿון אָרעמאַן
צו דיר—
האַר פֿון זײַן וועלט.

דער פּחד האָט אויגן

דער פּחד האָט אויגן גרויסע
און שוין טונקלט די שקיעה,
שטערן יונג-אָוונטיקע, פֿריִע
באַווײַזן זיך אין צניעות און פֿאַרשווּעבן.
נאָר איך, וואָס שטרעק אויס מײַנע אָרעמס
די נאַכט אַרומצונעמען,
בין קליין אַזוי,— אַ מילב,
און ווײַט
ווי די צײַט, די אויסגעגאַנגענע.

איך קלײַב צונויף זילב צו זילב פֿון די רעשן
און וויל מיט זיי באַשאַפֿן דאָס וואָרט וואָס מיר פֿעלט.
און אָוונט צו אָוונט איך זאַמל אײַן,
און פּערל זיי אויף אויפֿן בײַשטידל פֿון מײַן געצעלט.
נאָר דער וועג ווערט פֿאַרשמעלט
און "צו נישט ווערט איטלעכע זװוּנג"—
ווײַל איך ווי דו
ביידע מיר שטייען פֿאַר דער געשעוּונג
ווען דאָס גראָע ס׳בלאָע פֿאַרשלינגט.

דער פּחד האָט אויגן גרויסע
און טונקלט די ראיה.

דער לעצטער פֿויגל

לזכר אברהם יעקב שרגיל

דער לעצטער פֿויגל אויף דער צווײַג פֿון פֿײַגנבוים אַלטן—
אַ בוים אין אויסגיי,
וואָס מיט בלעטער געלע, ברייטע,
פֿאַרדעקט די שאַנד פֿון זײַן קוואַרן—
אַ פֿלאַטער האָט ער געטאָן, אַ פֿלי
קעגן הימל, מיט בלײַ אין די פֿליגל
און מיט אַ שווערקייט פֿון אָנגעהויפּטע קאָשמאַרן.

דורכגעשניטן די כמאַרעס און די ווײַטן האָט ער
אַ צעפֿלויגענער אויסגעשריגן זײַן געשווײַג:
וויי איז מיר, איך, לעצטער ווױנער אויף דער צווײַג.
וויי, ווי די צײַט זיך בײַט אַזוי שנעל
ווי אויף עמעצנס באַפֿעל.

זאָל איך זאָגן: ס'איז אַלץ אַזוי באַשערט?—
כ'האָב דעם זאַפֿט דעם לעצטן פֿון די פֿײַגן אויסגעזויגן,
כ'האָב די צווײַג פֿאַר אַ בעט מיר געמאַכט,
ביז דער בוים, קניִענדיק געבויגן צו דער ערד
האָט צוגעמאַכט די אויגן?—
נאָר ווי קאָן אַ פֿויגל זײַן גאָר אַ לעצטער?

און די פיצעלעך אין די נעסטן,
און די וואָס קומען נישט פֿון הי,
און ער אַליין—אין זײַן שטענדיקן געפֿלי,
ווי קען ער זײַן גאָר אַ לעצטער?—

האָט ער זיך געשטעלט אַ געזעצטער אויף אַ קעגנדיקן היגל,
באַוויינט דעם בוים,
באַקלאָגט די צווײַג
און זײַנע בלײַ-געוואָרענע פֿליגל.

סלה.

גרין און מאָכיק געלעכטער

ווער לאַכט דאָס אַזוי גרין
ווי דער מאָך אויפֿן בוים
און לאָזט מיר די אויערן נישט פֿאַרשטאָפּן?
און פֿון וואַנען אָט דער זין
וואָס אַרײַנגערונען אין מײַן מוח
איז טראָפּן נאָך טראָפּן?—

ווער לאַכט דאָס פֿון מיר אַזוי ביטער,
אַ געלעכטער פֿון סם,
פֿון גאַל אַ געלעכטער;
און ווי און ווען זענען אַלע אָט די ווערטער
אויסגעוואָרן אין פֿאַרפֿאַל?

איך ווייס,
מיט יעדן נישט געלונגען וואָרט,
מיט יעדן פֿאַלשן טראַף
אַ מלאך איך באַשאַף, אַ שׂרף
ער זאָל שׂרפֿענען מײַן נשמה און מײַן לײַב.
נאָר גיי און בלײַב אָן אַ וואָרט
ווען די הימלען קראַכן
און דו
ווילסט פֿון חלום אויס דערוואַכן?—

לאַכן אַלע איצט אַרום מיר
אַ לאַכן וואָס איז מאָכיק און גרין,
און איך, וואָס האַלט שוין אין דערוואַכן,
בין אַרומגעוועבט מיט וועבעכץ פֿון דער שפּין.

פֿליִענדיקע טריט

פֿאַר מאַרק שאַגאַל

א.

ס׳איז גרויליק אין מײַן דאָרף,
אַ שטילשווײַג באַהערשט דעם וואַלד
מיט אַלע זײַנע ביימער.
ווער קומען פֿון ערגעץ אַ העלפֿער?
עס קומט נישט קיינער.

מסתמא ווערט באַלד דער וואַלד אויך אַנטרינען
און מײַנע ווײ-טרערן רינען.

די פֿאַרבן, שאַגאַלישע,
ברענען אַראָפּ פֿונעם תמוז-בלוי.
אוי, ווער האָט די שטערן צעברעקלט און צעשיט?

איך זע: עס פֿליִען טריט.

ב.

ווער קומט דאָס וועקן מײַן געמיט?
ווער מונטערט אין חלום
און וויקלט מיך אין פּאַבלייכטע קאָלירן?

אָט עפֿענען זיך טירן און פֿענצטער
צום ניגון פֿון לעצטן דערוואַך.
און איך בין וואַך צו מינדסטן געָרויש:
נאָר די שטילקייט אין די ווײַסע צימערן
דויערט און דויערט.

הויערט אַן ערב-טאָג אויף מײַן שלאָפֿנדיקער שוועל
און וואַרט אויף באַפֿעל.
און טריט פֿליִען אַרויס און אַרײַן,
אַרײַן און אַרויס
אין דעם גרויסן ווײַסצימערדיקן הויז.

פּיאַנע-קלאַנגען

די זון וועט אַרויס.
דו וועסט ווערן גרויס, גרויס
און דײַן הויז וועט זײַן רײַך מיט קלאַנגען,
וועסטו שפּילן דאָס ליד אויף קלאַוויר,
פֿאַר אַלע שטערן
און פֿאַר מיר.

די זון וועט אַרויס.
טויען אויף שויב וועלן באַפּײַכטן דעם ניגון.
דאָס בלויע געוואָרק פֿון דער טויב
וועט מײַן אַמאָליקן חלום נאָך וויגן.
און אַז דאָס ליד וועט גרייכן די הייכן
און צום ווײַסטן טויער שוין דערלאַנגען
וועל איך עפֿענען דאָרטן אַ צוהר
און שלינגען, ווי טרערן, די קלאַנגען.

ווען די זון וועט אַרויס.

מזל

א

מזל קאָן זײַן גרויס, גרעסער און גרעסער,
מזל קאָן זײַן גוט, בעסער און בעסער;
מזל קאָן זײַן קליין, קלענער און קלענער,
נאָר וווּ איז דעם
וואָס פֿאַרמאָגט כאָטש אויפֿן דנאָ פֿונעם עמער—
מזל.

אַ מזל נאָך,
וואָס כ׳האָב מײַן קאָפּ נישט פֿאַרריסן צו די הייכן,
אַ גליק,
וואָס כ׳האָב זיך באַנוגנט מיט אַן אָפּשײַן פֿון אַ שמייכל.
און ווײַל איך קאָן צו זיך אַליין נישט גרייכן,
וועל איך אפֿשר דיך געפֿינען בײַם זוים פֿונעם שׂכל.

נאָר נאָך איידער איך געפֿין דיך, איך זאָג דיר שוין און זאָג:
אַז אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג און וואָס פֿאַרשאַפֿט מיר גליק,
איז דעם קינדס אַ וואָרט
און זײַן ליבנדיקער בליק.

ב

ביסט אוודאי שוין אַלט ווי דער יידישער גלות

דער ערשטער — **מזל.**

און איך דיך געדענק

ווען געווען ביסט יונג און שיין און

היטן פֿאַר דאַמען האָסט גענייט אין יפֿו

ביי די "ברידער קליין".

דיין טאַטע, מרא יחיא פֿון צנעא

האָט געהיטן דיין שטערן און דיין טראָט,

און געבעטן ביי גאָט דיך באַגליקן.

דו — אַזאַ שמאָלע, אַזאַ צאַרטע און בלייבע,

האָסט געפֿירט מיך צום ברעג פֿונעם ים,

מיך געברענט און געבריט מיט בליקן,

וואָס נאָר דו אַליין האָסט פֿאַרמאָגט.

און אַז צו דיר האָבן גערעדט מיינע ליפּן

מיט פֿלאַמען,

און דיך גערופֿן שיר-השירימדיק ש ו ל מ י ת,

האָסטו אין צניעות דיינע מאַנדלאויגן גענידערט:

— ניין!

מיין נאָמען איז מ ז ל, נאָר קיין מזל האָב איך נישט...

בין איך געגאַנגען אַ בלינדער פֿון דיר און צו דיר,

געשטוינט און געגאַפֿט פֿון דיין יעדן אבר באַזונדער,

און דער וואָס האָט געמאָלן דיין פּנים אָליוו

האָט דעם וועג מיר געפּלאַסטערט פֿון דער יונגער תּל-אביב —

אָ, מ ז ל, ווו ביסטו אַצינדערט?! — —

באַלאַדע פֿון הויכן בוים מיט גרויסע בלעטער

א

אונדזער פֿלויט אַנטקעגן — אַ הויכער בוים איז אויסגעוואַקסן.
געצויגן זיך צו הימלען און אפֿשר גאָר נאָך העכער.
זענען בלעטער גרויס ביַי אים געוואָרן, גרויס אַזוי און גרינע,
און אַ מיידל איז צו אים געקומען מיט אַ ברוינער מאַנדאָלינע.

קיין קרינאָלינע האָט זי נישט געטראָגן,
ס'איז היַינט שוין נישט אין מאָדע.
אויך אפֿילו נישט קיין קלייד — ווייל מיידלעך טראָגן הויזן.
ביַים שטאַם פֿון בוים זיך אָנגעלענט, ווי זיַין עס וואָלט אַנומלט,
און פֿון אירע ציטער-טענער דער בוים האָט איַינגעדרעמלט.

אַז אַ בוים אַ ריז אַ הויכער, מיט בלעטער גרינע, גרויסע,
אַז פֿון קלאַנג און קלונג אַ בוים אַזאַ ווערט גאָר איַינגעשלאָפֿן —
זענען יונג און אַלט צונויפֿגעלאָפֿן:
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ צייכן?
פֿאַר וואָס גייט אַרויף אויף זיַין לייטער
אַ ניגון צו די הייכן? —

פֿאַר וואָס אַזאַ מין שטילקייט פֿון אַ בוים מיט ריזן-בלעטער,
וואָס תמיד רק ער רוישט דאָ, וואָס אַלע מאָל נאָר רעשט ער.
און דאָס מיידל ווער איז און ווו ליגט ער דאָ דער מיין? —
עס ווייַנען סטרונעס ווי זויגלינגען און עס הֵנט אַזאַ מין חן.
שטייט דער אָוונט פֿון הייסקייט מאַט
און רירט זיך נישט פֿון אָרט,
ווען נישט דער ניגון וואָס גלעט און נאָגט וואָלסט שווערן:
ס'איז תשעה באָב דאָרט,
און עס שפּאַנט אַרום אַ באָרוועסע, אַן אבלטע די שכינה: —
על אלה אני בוכיה — איר ענטפֿערט די מאַנדאָלינע.

מ׳האָט אָן בוים פֿאַרגעסן שוין און אין זײַנע גרױסע בלעטער,
פֿאַרגעסן מ׳האָט די צײַט, און די שעה ווערט שפּעט און שפּעטער,
נאָר פּלוצים טוט אַ פּראַל אַרײַן אַ זוויערער ריח — רעבאַרבער,
און איבער דעם ריזן-ריזן בוים קרײַצט אַרום אַ שפּאַרבער.

וואָס טוט ער דאָ, דער מענטשנפֿײַנט, פֿאַרצוקער און פֿאַרדאַרבער?
ווען זוכט ער דאָ אַרום אין אַ שעה אַזאַ מין האַרבער?
נאָר דער ניגון נאָגט און נאָגט, עס שפּרייט זיך אויס א לויער,
לבנה-זילבער שלעפּערט אײַן, פֿאַרמאַכט מיט זיך דעם טויער.

ב

שטייט אַ גאַס און רעדט: —
מ׳זאָגט, איר חבר איז יענעם טאָג אַרויף אויף דער עקידה
ווען אַוועק ער איז, פֿון שׂונאס הענט, דעם הר מוריה באַפֿרײַען.
מ׳זאָגט — איר געליבטער האָט גאָר ס׳לאַנד פֿאַרלאָזט,
ווען אין פּײַן ס׳איז זיך פֿאַרגאַנגען די הייליקע ירושלים.
זאָגט אַ דריטע — זי האָט איר שיינקייט אָנגעווירן
און נמאס איז איר דאָס לעבן,
דערפֿאַר איז זי צום בוים געקומען
אים זיך איצט אָפּגעבן.

איז דער בוים אויסגעוואָקסן טאַקע הויך אַנטקעגן פּלויט,
ער ציט זיך צו די הימלען סײַ עס בלויט און ווען עס גרויט.
זענען די בלעטער זײַנע גרויס, שאָטנדיק און גרינע,
און אַ מיידל איז צו אים געקומען מיט אַ ברוינער מאַנדאָלינע.

נאַכט פֿון חלומות אַנטבלויזטע

די ווײַסע לבנה קילט נישט הײַנט מײַן פּנים,
די הייסקייט — טאַפּסט זי אָן מיט דער האַנט.
געפֿאַנגען פֿון דער שטערן-נעץ
זי שפּאַנט אין זילבער-אָקעאַנען
און קוקט אַראָפּ לײַדנשאַפֿטיק
און פֿאַרשמאַכט.

דער טוי באַפֿײַכט די לאָנקעס דורך דער נאַכט
און גראָזן גראָזן ארויס און ווערן גרעסער,
העכער.
די פֿייגל אויף דיביימער און אויף די דעכער
היפּערן און שפּרינגען,
קושן פֿון די פּיסקלעך זיך,
שלינגען ווי קערנער די פּערלדיקע טראָפּנס
און זינגען אַ לויב צום באַשפֿײַזער.

די הענגלען מיט טרויבן — אין נעפּלען אײַנגעהילטע,
הענגען אָנגעפּילטע אַראָפּ צו דער ערד,
ווי אײַטערס בײַ קי וואָס קומען אַהיים פֿון דער פּאַשע.
שטייט אַ ריח פֿון ווײַן, ווי אין קעלטער בײַם טרעטן,
און שיכּורט מיט חמימה מײַן דרויסן.

די יונגע מאַמעס, מיט קינדער אין די שויסן,
און די רויזן,
די צעפּראַלטע בײַ מײַן פֿענצטער —
לעכצן נאָך אַ ווינטל, וואָס זאָל קילן, זאָל דערפֿרישן
אין אָט דער נאַכט פֿון חלומות אַנטבלויזטע.

נידערט, ווי רעגן

קום, קוק-אַריבער דעם פּלויט.
קום, קוק-אַרײַן אין מײַן הויף.
דאָס אויג פֿון דער זון איז שוין אָפֿן.
כאָטש מיט וואָלקנס דײַן אויג איז פֿאַרלאָפֿן.

מײַן געדענקען דערוואַכט פֿונעם שלאָפֿן
און זעט דײַן קומען — אויף אַן אייזעלע געריטן.
אויף מײַן גאַס צעפּראַלן זיך די טירן
און אויף די פּריזבעס איז מען פּותר נוטריקון.
נאָר ס'איז טבת און דײַן קומען איז באַשווערט
ווי שווער ס'איז געווען אויך מײַן קומען —
אָט שפּאַלטן פֿון קעלט זיך די בריקן
און נעמען מיך,
און נעמען מיך אַרײַן.

קום, קוק-אַריבער דעם פּלויט
און הער נישט ווי זיי זאָגן: ער קלאָגט!
דער חודש האָט סײַ ווי שוין פֿאַרגרויט
און אַלץ באַפֿאַרבט מיט פֿאַרב פֿון אַמאָלן.
טאָגט אויף די פֿעלדער פֿון שרון
און מורמלט אַרײַן מיר אין אויער:
ווײַל עס האָט דערוואַכט דײַן זכּרון
נידערט, ווי רעגן, דער טרויער.

שטערן-געשטאַלט

ווי פֿון אור-וואַלד וואָלסט קומען מיך רופֿן,
מיר זאָגן: קום, די צײַט איז אין לויף!
אַזוי לויפֿסטו אַרײַן אין מײַן אויג—
שטערן-געשטאַלט.

מיט חלום קומסט אָן פֿון די לעצטע גאַלאַקסן
און לייגסט זיך אַוועק אויף מײַן נאַכטיק געלעגער.
ווערסט אוודאי מיר ווײַזן די רגע די לעצטע
ווען דער הימל וועט פֿאַרלעשן די ליכט.

נאָר איך וועל דיך פֿרעגן,
ווי איך פֿרעג לעצטנס דעם ווינט:—
ווער ביסטו, געשטאַלט, און וואָס—דײַנע באַגערן?
און דו וועסט מיר ענטפֿערן: די צײַט איז געקומען,
קום אַרויס צום צוויי-שלאַכט מיט דײַן שטערן.

שפּעט

דאָס גליק וואָס קומט אַזוי שפּעט
און שטייט מיט אויגן אַראָפּגעלאָזטע אויפֿן גאַניק,
וויל אויסטאָן פֿון דער פֿינצטערניש די נאַכט.

דו דערזעסט און דערוואַכסט:
אַ שײַן טוט אַ בלענד פֿאַר די אויגן—
אַ מעטעאָר האָט דעם הימל דורכגעשניטן?
עס דויערט רגעס,
בלויז רגעס,
מינוטן
און די פֿאָרכט איז אַלץ נאָך פּאַראַניק.

וואָס זשע טוט מען צו דערכאַפּן אַזאַ רגע,
וואָס טוט מען צו פֿאַרהאַלטן אָט דאָס ליכט?
ס'איז חלום-נאַכט,
ס'איז סליחות-נאַכט
און דו בעטסט:
דערבאַרעמדיקער,
דאָס גליק וואָס שיקסט אַרויס אַזוי שפּעט,
זאָל נאָר נישט, נאָר נישט פֿאַרשפּעטיקן.

ווי די קאַקטוס-רויז

קינד, מײַן קינד,
פֿון אַ גרויסן, גרויסן באַל איך קער זיך אום אַצינד,
ס'איז אשמורה שוין די דריטע
און עס וועקן זיך די פֿעלדער פֿון כּנען.
זינג-געקלאַנגען קלינגען אָפּ אין מײַן אויער—
אַ חלום געוועזן אַזאַ גרויער.

דער מעלדער וואָס קומט מיר מעלדן
אַז די צײַט איז שוין פֿאַרבײַ,
שטעלט זיך מיר צוקאָפּנס מיט באַדויער:—
אַלץ איז דאָך געדאַכט,
איז אויסגעדאַכט אוודאי אויך דער טרויער.

וועל איך גיין צו דעם טויער
וואָס דער באַרג האָט מיר אַנטפּלעקט
און דאָס לאַנד איך וועל דערזען פֿון דער ווײַט,
און ווי די קאַקטוס-רויז—די מלכּה פֿון דער נאַכט—
אין פּראַכט איך וועל פֿאַרגיין
מיטן אויפֿגיין פֿון טאָג.

אין שלאָף דעם אויסגעליידיקטן

דאָס וואָס ברומט אין מיר
בעת מײַן שלאָף איז אויסגעליידיקט,
איז אַוודאי די פֿליג פֿון זכּרון.
זי בויערט מײַן מוח,
זייגט זיך אײַן אין מײַן לײַב
און ווי אַ קראָט, מיט אײַזן-נעגל
זי קראָטעט אײַן זיך אין יעדן פֿאַלד און שפּאַלט.
און איידער דער שלאָף מיך באַפֿאַלט
שוין פֿאַל איך פֿון העכסטן באַרג
אַראָפּ אין טיפֿסטן טאָל.

איך פֿאַל
און די מילגרוים-שאָל,
וואָס שוין לאַנג, לאַנג כ׳האָב זי פֿאַרוואָרפֿן און פֿאַרגעסן
אַז אַ גיריקער געשלונגען איך האָב איר תוך,
איר קערן,
קומט איצט, אין שפּעטער שעה, מאָנען לוין,
באַצאָלונג—
הלמאי זי האָט אין זיך געטראָגן אָט דאָס גוטס,
מיך מיט דעם צו נערן.

לייגט זיך דער אָוונט בײַ מײַן שוועל—
אַ רײַטפֿערד אָן אויסגעריטנס,
מיט שניטן אינעם לײַב—פֿון שפּאָרן,
און עס זשומעט אין מיר אין שלאָף דעם לערן,
די בויערנדיקע פֿליג פֿון זכּרון.

ווערסט אפֿשר נאָך טראַכטן

ווערסט אפֿשר נאָך טראַכטן ווי איך
און פֿרעגן זיך אַליין און די שטערן:
פֿון וואַנען אַזאַ אומעט מיטן אָנקום פֿון אָוונט,
ווען דאָס בלויִ הייבט אָן יוירן, און ווערן?
וועט דער הימל דיר קומען אַנטקעגן
מיט טוי און מיט אָטעם
און באַפֿייַכטן די בייטן פֿון דײַן יאוש.

וועלן וואַקסן די גראָזן אין באַדרויער
און דיך רופֿן צום משפט פֿון געוויסן.
וואָרעם וויסן דאַרפֿסטו וויסן,
אַז פֿון קלוגשאַפֿט די מויער
קאָן אויכעט פֿון ווייען צעפֿאַלן.

און פֿײַנען זענען דאָ,
און צערן,
און ווייען,
און אַנטוישונג, און אויסקלאָר פֿון טרוימען—
נאָר אַז עס וועט נישט פֿאַרזוימען דער מינדסטער שטערן
צו שיקן צו דיר זײַן רמז,
וואַהין דו ווערסט זיך ווענדן און קערן
וועט גרייכן דיך תמיד דער אמת.

און איך האָב דיך געבעטן

און איך האָב דיך געבעטן
ווען מײַן מאַמעס מילעך איז נאָך געראונען פֿון די ליפּן:
ווײַז מיר דעם וועג וואָס ווײַטער איז פֿון וועג,
דאָס אָרט, וואָס ווײַטער איז פֿון אָרט,
נאָר דאָרט
וווינט דער טאָג מיט דער נאַכט אין שלום.

אַרום מיר איז געשוווּמען אַ חלום אַ בלויער
בעת דער רעיון האָט געדרימלט נאָך אין וויגל.
און דו, מיט ווײַסע, ווייכע הענט—
מלאכדיקע פֿליגל,
האָסט אַרומגעקרײַדט אַרום מיר אַן עיגול,
אַ שאַרלעך רויטן,
מיך אין אים פֿאַרוויגט
מיט ליד פֿון אויפֿגײענדיקע ברויטן,
מיט זעוּנג פֿון באחרית הימים
און איך—מיט לעפּלען צוגעלענטע
האָב געזען דײַנע וווּנדער-רייד
אין די נעפּלען.

אַצינד, אַז איך שטיי פֿאַרן שאָטן פֿון באַשייד
און וואַרט,
אַז קומען וועסטו קומען צו דער שוועל פֿון מײַן געצעלט
און צעצינדן דאָס טרוימען פֿון דאָס נײַ,
ציט פֿאַרבײַ אַ וואָלקנזײַל און מײַן טיר דיר פֿאַרשטעלט.

אָ, ווי איך האָב דיך געבעטן.
ווי איך האָב דיך געוועלט.

האַרבסטיקע טרויבן

★

דאָס פּעלד איז אָנגעטרונקען מיט ליבע־
גערטראַנקען,
מיט טוי, מיט רעגן, מיט טרערן—
טראָגט דאָס פּעלד און טראָגט אויס
אַ נײַ ווערן.

אַז דאָס פּעלד ווערט אָפּגעליידיקט
און די זאַנגען—שוין פּול געמאַכט די שײַערס,
בריט די זון און וואַרעמט אויס
אַ נײַ האָבן,
אַ נײַערס.

נאָר איך וואָס גיי אַרויס אין פּעלד
זיך לערנען בײַ די גראָזן די געבליבענע
און בײַ אויסגעזייגטע טײַכן,
הער בלויז דאָס וויינען און דאָס קלאָגן זייערס
אויפֿן נישט דערגרייכן.

ווײַל איך זיי גלײַכן צו זיך אַליין,
דעם ווײַ זיי אויסרעדן און זיי טרייסטן,
פֿליִען די ווערטער מיטן ווינט אַוועק
און מיט זיי—די פֿאַרגלײַכן.

דער באַרג האָט געעפֿנט די אויגן

צום סמל אבולעפיה אַ ווידמונג:
זאָל אַראָפּגיין ווי טוי דײַן זאָג —
דאָס לאַנד זאָל האָבן אויערן און אויגן,
ביז אין איינעם אַ פֿאַרנעפּלטן טאָג
ס'וועט דערזען דעם צייכן — אַ רעגן-בויגן.

א
זאָגט דער זעלנער אבולעפֿיה, צום חרמון דעם ווײַסן געווענדט:
ס'איז אמת, איך ווייס — דו ביסט די אויגן פֿון לאַנד.
צו דיר כ'בין געקומען דורך פֿײַער, אין פֿײַער
אויף דיר געקלעטערט,
כדי היטן דאָ אײַך און שירעמען — אויגן פֿון מײַן לאַנד.

צו דיר האָט די זינגערין געזונגען, געבעטן
ס'זאָל זײַן איר באַשערט,
אַז אַלץ וואָס מ'האָט אונטן באַגערט, ווערן זאָל דערהערט.
האָבן ווינטן צעטראָגן די תּפֿילות, און די רייד —
פֿון הויז צו הויז,
און אין הימל ברענט שוין די געלע רויז —
די אָנגעטרונקענע לבנה.
ב
דאָס געבעט פֿון פֿאַר נאַכט ביז פֿאַר טאָג
און פֿון באַגינען ביזן גרויען אויף-דער-נאַכט
איז אויפֿגעגאַנגען צום באַרגנשפּיץ מיט אימה.
אַ שיימע פֿון אַ מחזור איז עלנט פֿאַרבײַגעפֿלויגן.

געשרייען און געראָפן, אָנגעלאָפענע פֿון ווײַטן,
האָבן געוועקט און געריסן זײַנע אויגן,
און אונטן דער טאָל, אַ באַנומענער אין ווייען,
האָט מיט תּפֿילה און שווערד זיך געווערט
ביז צעתּרועהט עס האָט דער שופֿר זיך אין יאָמער.

ג

די היגלען, פֿון שריפֿות אָפּגעזענקטע,
האָבן שוואַרצע זיך געריסן צו דער הייך,
און נאָך איידער דרײַ שטערן האָבן געווונקען—
אַלע פּנימער מיט לבנה־ווײַס געבלייכט.

פֿײַערצונגען די שפּיצן שוין געגרייכט
און אָנגעהויבן די שניי־פֿעסטונג לעקן,
ביז דער באַרג, אַן אײַנגעהילטער אין קיטל,
האָט אויסגעשטאַרצט צום לויער זײַנע אויגן
און געעפֿנט צום וואַכזײַן דאָס אויער.

ד

דער לויער וואָס האָט געלויערט פֿון צפֿון און פֿון דרום
איז אַרויס פֿון דער פֿינצטער, פֿון נאָרעס.
ס׳האָט אַ פֿלייץ־געטאָן מיט פֿלאַמען און מיט שטאָלן,
מיט מבול, מיט אומברענג און מיט כּרת.

אַ טרייסלונג האָט צעטרייסלט די רו פֿון דער ערד
און די בײַשטידלעך ביי שלווהדיקע שוועלן,
ביז דער באַרג אין זײַן שנייקן דויער

האָט זײַן האַרץ אויפֿגעפּראַלט פֿאַר די רופֿן
וואָס קומען איצט אַרײַן אין זײַן טויער.

ה

זאָגט דער צווייטער סאָלדאַט
און עס בלויט שוין דער ווינט אין זײַן מויל:
איך ווייס, איך ווייס, דו ביסט די אויגן פֿון מײַן לאַנד.
נאָר צו דיר כ׳קאָן איצט נישט קוקן, נישט הייבן הויך מײַן בליק,
ווײַל ווייִק אַזוי איז דײַן ווײַס
און טויט הויערט אין דײַן שויס.

דאָס פֿײַער ווערט גרויס און גרעסער
און טיפֿער פֿון אָפּגרונט — די שׂינאה.
אָט כוואַליעט איבער דיר סם און פֿאַרדאַרב
צו פֿעלדער וואָס גרינען.
און עס קרײַזן אַרום דיר קאָרשונען און טשאַטעס גײַציקע קראָען
נאָך איידער עס הייבט אָן צו בלויען —
מײַנע אויגן אויסצופּיקן.

ו

מורמלט אַ דריטער צו דער בײַסיקער קעלט און ער זאָגט:
חרמון, מײַן באַרג, איך געדענק דיך נאָך פֿון **דאָרטן**.
כ׳בין געווען מיט דיר היימיש אין ״חדר״ און אין ״שטיבל״.
כ׳האב געפֿילט דײַן שניי אין זומער,
כ׳האָב אין חלום צו אים זיך געצויגן.

כ׳האָב געוווסט אַז דײַן טוי נידערט צו די רחבותן פֿון ציון,
און אַז פֿון שניי עס ווערן טײַכן הייבן פֿעלדער אָן צו בליִען.

און דעם פּסוק איך געדענק, וואָס דער תהילים טוט דערציילן:
"וואָרום דאָרטן האָט אַ ברכה גאָט באַפוילן—
ביז אייביק לעבן!..." לעבן.

ז

ליאַרעמט אַ פּערטער, מיט אויגן אויסגעשאָסענע
און רופּט צו די הייכן:
דורך מײַנע ווונדן-לעבער איך זע די קולות פֿון אײַערע אויגן.
פֿון תהום צו תהום זיי שרײַען מיט טויזנט בלינדע בליקן
און פֿאַרוויסטן מיר מײַן יום-טוב, פֿאַרגיסן מיך מיט ימען.

ווער זשע וויל דען אַזויפּיל לעבן ווי דער תהילים האָט פֿאַרזאָגט,
אַז די גאַנצע ערד אַ קבר ווערט איידער נאָך עס טאָגט?
און דו, מײַן שניי, פֿאַרדעקסט דעם שבת—אַ דעקטוך איבער חלות,
און אויף אונדזער באַלדיק קריקקומען
וואַרטן דאָרט צעקלעמטע די כלות.

ח

שטעלט אָן זײַן לאָרנעט אַ יונגער קצין און קוקט אַרײַן אין חלל:—
דו ביסט די אויגן פֿון מײַן לאַנד און איך—דײַן חלום.
נאָר דײַנע אויגן זענען בלינד און אין לאַנד איז פֿינצטער—
אַ קראַכן-רעש פֿאַרטויבט מײַן אויער און פֿון דײַנע וואַסערן
דאָס רוישן.

און עס ליגט דאָרט אַזאַ חשכות—איך טאַפּ דאָס אָן פֿון ווײַטן,
אַזש מיך עס טוט אַ וואָרף אויף צוריק, צו יענע ערשטע צײַטן,
ווען געבראַכט האָט אונדז צו דיר בן-נון און דיך געדופֿן שׂניר

און אַ מקדש געווען בײַ דיר
און דאָ געווען איז די גרענעץ.

ט

אָ, הער ווי עס כליפּעט דער ווינט, מיט קרײַד פֿאַרשיט די אויגן,
און די היילן פֿון דײַנע רוקנס — פֿול מיט אויען אָנגעזאַפּטע.
פֿון אונטער דײַן ווײַס פֿאַרפּיר — צעשטרעקטע הענט מיט פֿינגער
צו דײַנע הימלען אין פֿײַן זיך ציִען,
ווי צו ערטער פֿון אַנטרינונג.

און אַ האַנט שטאַרט אַרויס פֿון אַ גרוב מיט אברים צעריסענע,
און איבער זיי דײַן קרײַדנשטויב
און אַן אָנגעלאַף פֿון שפּאַרבערס
ראָיען אַרום דער וואַדי, דער איבערגעלאָפֿענער מיט בלוט.
און איך, מיט מוט אַן אָנגעגאָסענער,
פֿאַל פֿון מײַנע אָן-כּוחיקע פֿיס.

אָ, וויי צו דיר, בלינדער, מיט אויגן אָפֿענע! —
אָט ליגן די אומגעפֿאַלענע, וואָס
„פֿון לייבן זיי זענען שטאַרקער און פֿון אָדלערס — פֿלינקער".
זע, אַ הירש לויפֿט פֿאַרוואונדעט איבער דײַנע בייזע באַזאַלטן,
ביז פֿון באַרג ער פֿאַלט אויף באַרג,
פֿאַרפֿלעקט דײַן שלייער דעם בלאַנקן.

זע, געשפּענסטער קומען אָן,ביימער גייענדיקע — אַ וואַלד,
און וויייען און געשרייען קומען אויף — אַן אימהדיק געוואַלד,
וואָס רייצט איצט אויף די הימלען פֿון גולן ביז קיין גושן

און דײַן חצבאָניס פּלוישן
רעדט נישט אויס די פּײַן.

יא
האָב איך פֿון הינערפּלעט זיך אויפֿגעכאַפּט אַצינדערט
און דערזען די ווילדע חיות וואָס ווידמענען זיך בײַ דיר,
געזען דאָס בלוט פֿון האָריזאָנט אין מזבחדיקן דעמער
און דאָס רויטע אויג פֿון אַנטקעגן מיט מעסערס אָנגעשאַרפֿטע.

און ווידער פֿלאַמט אַ צונטער-פֿײַער און פֿאַלט אויף מיר—אַ האָגל.
וועט ווײַטער ווער מײַן היים צעשטערן און
טרײַבן מיך אין וואָגל?
צי ווידער וועט מײַן כוח דערוואַכן און ווערן וועט ער נס
און פֿאַרבײַגיין וועלן בלויז זעקס מעת-לעת
און מײַן היים וועט ווײַטער שאַלן?—

יב
קניט דער גרויער סאָלדאַט דעם ווײַסן מלכות אַנטקעגן
און דין יום-הדיניש איז ער מתפּלל און זאָגט:
...און איך האָב דיך געבעטן, באַרג, צאַפּאַליעטער אין חן,
לאָז מיך צו דײַן ווײַסקייט גיין,
צו דײַן ליכט.

לאָז מיך אומגעריכט דערזען דײַן פּנים,
דײַן שײַן,
דײַן זשמורענדיקן שאָטן אין זײַן ציטער
און איך וועל גיין צוריק.

יג

אָט איז נאַכט,
אַ בריק אין ווינטערדיק געוויטער
און שטערן פֿאַלן.
שטערן פֿאַלן אַראָפּ אין מײַן שלאָף
קלאָרע און בלאַנק ווי דײַן שניי
און צערוישן מײַן וויי.

זאָל איך גיין און ברעכן די הענט פֿון מײַן חלום און זאָגן:
ווײ איז מיר, דאָס איז די שטראָף וואָס דיר איז באַשערט
פֿאַר דער זינד פֿון אַזויפֿיל לוסט,
פֿאַר דער זינד פֿון גלוסט אָן אַ שיעור —
ווײַל יעדער איינער האָט דיך נאָר געוואָלט,
יעדער — רק דיך באַגערט?

און אַז אַלץ וועט ווערן שוין דערהערט
און די גלוסט וועט אויך אויפֿהערן
און דאָס בלוטן,
און די טרערן —
וועמען וועסטו דעמלט געהערן?

שרייט אויס די פֿלאַמיקע לבנה אַ גרויס שטילשוויַיגן
אַרײַן אין דער ווײַסער נאַכט ביז טאָגן
און עס טאַנצט איר אַנטקעגן דער שפּיזיקער חרמון—
קדוש, קדוש, קדוש!
און שעפּטשנדיקע שטערן הענגען איבער אים
ווי צווישן כמאַרעס דער רעגן-בויגן
מיט נעמען,

נעמען,

נעמען

און ער עפֿנט
און צעפּראַלט נאָך ברייטער זײַנע ווײַסע אויגן.

נאַכט אין מידבר פָּארָן

די נאַכט האָט דאָס ליכט פון מײַנע אויגן צוגערויבט
און מיך גערופן צו דער וויסטעניש — אַ בלינדן.
דעם ייאוש — אַן אייבערראָק אויף זיך אַרויפגעצויגן
און געלאָזט זיך פון אַ שטערן-שטראַל די ווונדן בינדן.
ביז אַן אַנטלאָפענער כ'בין געקומען פונעם שקר און נאַרעריי
און פון אַלץ אַן אויסגעטאָנענער כ'האָב אָנגעהויבן פון דאָס ניי.

אָנגעהויבן? — ווי הייבט מען דאָס אָן אָן מי און אָן פּיַין,
צוריק פון אַנומלט, פון דעמלט, פון אַ צײַט וואָס איז פאַרבײַ?
און דאָס פאַרבײַיקע קאָן דען צוריקגיין פון געוועזן ביזן זײַן
און זיך ווייליק פאַר דיר שטעלן, עלעהײַ דיך גרייט צו דינען
און די פּײַן האָט דיך אײַנגעבראָכן,
דײַן ווילן אָפּגעטאָן פאַמעלעך,
אַלע שאָלן זיך אָפּגעשיילט, ביז פון איי געבליבן איז דער געלעך.

די גלוסטיקע געוועבן פון מאַמישער היים און פון אַלע ליבעס מײַנע,
האָבן אין מידבר-שײַן אויסגעבלײַכט
און די פאַרב פאַרלוירן פונעם פּנים.
און דאָ, אויף די שליאַכן פון מריבות,
בײַ די קברים פון די תאוות,
האָבן אַלע אבות זיך דערוועקט און פון מיר גענומען
מײַן אייגנקײַט מאָנען: —
וועט דײַן קענשאַפט דען בײַשטיין דיר
און די חכמה די מאָדערנע? —
אַזוי האָבן גײַסטער זיך געבייזערט און די פאָטערס גענומען
צערנען.

א

ווער ביסטו, דו, וואָס קומט מיר איצט אַנטקעגן?
איז עס ווידער שוין אַ נביא, צי אַ מורד אין שליחות—
אַ שטיין אַן אַראָפּגעפֿאַלענער פֿון בליאַסקנדיקן שטערן-קרײַז,
צי אפֿשר אַ מעטעאָר אַן אויסגעלאָשן-אויסגעברענטער?
און טאָמער איז עס זעונג בלויז, צי מיינט מען גאָר מיך עס?—
דער פּאָרן-באַרג ווערט נענטער מיר, היימישער, באַקענטער.

אַ טליתבלוי איבער נאַקעט וויסטע קדמון-בערג
איז אויסגעשפּרייט דאָ אין אַן אומגעהײַערן קײַלעך.
פֿון יעדן שפּאַלט און הייל דראָעט מיט סכּנה ווילדער.
יעדער שטעג וואַרט אַצינד—אַ שאַקאַל אַן אָנגעשפּיצטער,
אויף דעם באַל וואָס האָבן צוגעגרייט די מֵתי מידבר.

ס'איז אוודאי הײַנט דער טאָג פֿון מתן תורה
און די נאַכט—אַ בראשית-נאַכט אין סיני.
אַ פֿויגל, פֿון באַזאַלט אַן אויסגעהאַקטער,
שרײַט איצט אויס "אָנֹכי" אין קדושהדיקער פֿאָרכט,
און דאָס אויסטערלישע הימלבלוי אין זיך איז אײַנגעהאָרכט
ווי אויסגעמײַסטערטע רפֿאל-אויגן פֿון קלויסטערשע מאַדאָנעס.

מיט וואָס זשע קומסטו מיר אַנטקעגן איצט—
מיט שעבטמעסערס צי מיט מתנות?———

ב

ווער ביסטו, דו, וואָס קומסט מיר איצט אַנטקעגן?—
אָט איז אָנגעשטויבטע ערד אויף שטיין,
אָט שטעגן,
אָט וועגן וואָס פֿירן צוריק אַהיים.
נאָר דעם שליסל צו די טירן האַלט סודותדיק דער באַרג.
זאָל זײַן, אַז איך
פֿון טעג דערשראָקענע, אײַנגעהילטע אין אויסגיי-פֿאַרבן
בין געקומען דאָ אַהער דײַן חלום אַרבן?

פֿון שקיעות אויסגעברענטע,
פֿון סקאַלעס אויפֿגעלויכטענע,
די צוויי-שלאַכט שפּילט זיך אָפּ פֿאַר מײַנע אויגן.
אָט דוכט זיך מיר שוין ווידער, אָט ווערט מיר וואַכיק-קלאָר—
די פֿעלדזנקייט אַרום ווערט אַ צאַם פֿון שטעכלדראָטן.

ווער זשע שלאָגט זיך דאָ און פֿײַערט,
ווער מיט וועמען?
פֿאַר וואָס לאָזט מען נישט דעם מידבר רוען אין זײַן דויער?
קאָן דען ווידער געשען אַ נס מיט אַ בלעכל שמן?—
אויף די שטומע בערג לייגט די נאַכט זיך
מיט שרעק און לויער.

ג

זע,
זיי קומען צוריק פֿון פֿעלד-געשלאַכט מיט אײַטערדיקע ווונדן,
מיט הימלען אויף די קעפּ, מיט שפּל'ע געצעלטן.
הער דעם רויש, הער געשעפּטש — אַגאָנישער געבאָרכל;
הער דאָס פֿליסן פֿון ימען בלוט
און דעם אוי פֿון פֿיס פֿאַרווונדיקטע אין לויפֿן.

ווי זיי לויפֿן! און איך בין איינער איצט אויף אָט דעם באַרג.
נאָר עס וויגט מיך אײַן אַ קול פֿון יסודותדיקן דין —
די שטים ווערט צוויי און דרײַ און מערער נאָך פֿון מערצאָל.
אַ קול פֿון סיני רוימט מיר אײַן: דאָס בין איך דײַן וואָרצל!,
און פֿירט מיך צוריק אַהין פֿון וואַנען איך קום און בין.

מײַן מאַמע גרייט דעם שבת — ס'איז דאָנערשטיק אויף דער נאַכט.
ווונדער-ווײַס לײַכט דער שניי און אירע טרערן פֿרירן.
מיט דער גמרא אונטער אָרעם און מיט דער סוגיא אויף די ליפּן
כ'וועל דער מאַמען נחת שאַפֿן, צום גן עדן-טויער זי פֿירן.

פֿונעם חדר כ'וועל איר דערציילן — אַלץ וואָס כ'האָב געלערנט,
און די מאַמע וועט די חלות קנעטן מיט גרויס כוונה.
איר אָרעם-וועלט ווערט רײַכער און רײַכער ווערט אויך מײַנע.
די פֿלאַמען אינעם אויוון מאָלן אונדז דעם סנה —
ווי אַ כלה שײַנט די **מאַמע, לײַכט מיט זיבן חנען.**

ד
אין גאָלדנליד פֿון אָנהייב אָוונט כ׳וויג דײַן שוויַיגשאַפֿט אײַן.
דײַן גרויסער רוים, דײַן ברייטער אומעט
ווערגט מיט פּחד מיך און שרעקט.
נאָר יענער אָוונט,
ווען דער הימל האָט זיך געשפּאָלטן אין מײַן טרוים,
טוליעט אַלץ נאָך אין מײַן גערעכעניש —
דעם עפּעלעך-בוים בײַ מײַן מאַמעס קבר.

פֿרעג איך אים, אָט דעם בוים פֿון זכרון:
געדענקסטו נאָך דעם וועג ווו מיר ביידע זענען געגאַנגען
צעווינטיקטע אין פּאָנען, צעפֿלאַטערטע פֿון מאָנען,
און צוריק דערגאַנגען — איבער שריפֿות, איבער קברים —
צום סיני, און צום מידבר פּאָרן?

אָ, וויפֿל יאָרן הער איך שוין דאָס גאַפֿן פֿון דײַנע גראַניטן
אויף דעם אייביקן געגיי פֿון מצרים ביז אַהיים —
ווען איך וואָלט קאָנען טראָגן זיך אויף דײַנע פֿליגל,
כ׳וואָלט דערפֿלויגן ביז צו יענעם בלוטיק-רויטן ליים
אין וועלכן דער נוגש האָט דיך געגייט דײַנע קינדער
איינצוקנעטן,
כ׳וואָלט ״קדיש״ דאָרט געזאָגט און דעם נוקם-גאָט געבעטן: —
אָ, האַר, גרויזאַמער, גרויסער,
פֿאַרגיב אונדז די אייביקע זינד וואָס מיר זענען אַלץ נאָך יידן,
און — כ׳לייג אים צופֿוסנס מײַן ניגון דעם מידן.

ה

איך ווייס:
די וואָס זוכן דעם תמיד-וועג פֿון קריג,
דעם רויטן צי דעם בלאָען,
וועלן ליאַרמען אויף מײַנע אומעט-רייד
און פּויקן דאָס געפּויק פֿון פּויקנדיקע טלאָען.
נאָר איך — זע אין דיר אַ שטענדיקן באַגלייטער,
וואָס אָט מעקט ער, אָט — פֿאַרשרײַבט ער,
בײַ יעדן שטרויכל ער וועקט, יעדן גרײַז מיר פֿאַרריכט
און מײַן טאַטע, ווי תמיד, בײַ דער האַנט מיך האַלט און פֿירט,
און די מידבר-נאַכט פֿרירט.

און עס נידערט טאַל-אַראָפּ אַ זילבער-זײַל
און קושט מיר אויס דעם שטויב פֿון אַזויפֿיל יאָרן.
אַ קופּערנע לבנה קוקט אַ קאַלטע איצט און באַזאַכט
זייענדיק פּחד און חלום,
און איך שטיי און מיש די בלעטער אויפֿן באַרג פּאָרן.

ו

אַ באַרג קאָן זײַן אַ באַרג
פֿון שטיינער, סקאַלעס און ערד.
אַ באַרג קאָן זײַן אַ שוידער-קופּע
פֿון שיכעלעך און שיך,
אַן אָנוואָרף פֿון קינדער-זאַכן,
פֿון ברילן,
פֿון מיידל-האָר —
אַ וויסטער חלום.

אַ באַרג קאָן זײַן אַ סיני,
אַ פּאַנאַר,
אַ גרענעץ-פּונקט אין צפון,
אַ שלאַכט-געשטעל אין נגב,
אַן אויפגיי פון דער טיף,
אַ נאָכגעיאָגטע שיף,
אַ באַבי יאַר.

אַ באַרג קאָן זײַן אַ האַנט אַן אויסגעשטרעקטע פון דור צו דור,
צו דערמאָנען דיר ווען געוואָרן ביסט פאָלק.—
אויפן באַרג שטייט די אַלטע שול, אַ ביסל העכער—דער סאָבאָר.
ס'איז אָנהייב יאָר.— תרצ"ט.

אויפן באַרג געהאַט האָט משה באַקומען די לוחות,
זיי צעבראָכן און ווידער זיי גענומען.
און בײַ אונדז, אין דער באַרגיקער שטאָט,
וואָס איז תמיד געריגלט מיט שטעכעדיקן דראָט
האָט ר' סענדערל געזאָגט צו די תלמידים:
"זעקס טאָג אין חודש סיון
האָט גאָט געגעבן די עשרת הדברות אויפן באַרג סיני"...

ווער זשע ביסטו, באַרג פון חומש, וואָס כ'היט הײַנט דײַנע וועגן?
און פון ווען אָן דערקענסטו זיך צו מיר—
לאָמיך דיך איצטער פרעגן:—
פון זינט מיר האָבן פון דײַן שכן-באַרג די תורה באַקומען,
צי זינט מיר האָבן זי אין די פּאָנאַרן-גריבער
צום אויסגיי מיטגענומען?—

ווידער

א

און ווידער קום איך צו דיר הײַנט
ווי דעמאָלט
ווען כ׳האָב דערזען די ליכטער דײַנע לײַכטן
און געזאָגט: דאָס ביסטו, דו!
ווידער שטוין איך און ווער נשתומם,
קני פֿאַר דײַן שמייכל, דעם מיט רחמים באַפּײַכטן,
וואָס באַטלט מײַנע ביימער פֿון מאַראַנצן און פֿלוימען
און מאַכט מיך פֿול מיט אויסגעטראַכטער רו.
נאָר ווי דעמאָלט אַ פֿאַרגאַפֿטער איך פֿרעג:
ווי קאָנען ליכטער גאָר קילן
און אין שטראַלן פּראַסטיקע דורכאַנאַנד מיך הילן?—

ב

לאַנג, גאָר לאַנג האָט זיך געשטאָלט מײַן ווילן. —
כ׳בין אויפֿגעשטאַנען אין אַ צעצוונדענעם אינדערפֿרי
און אַלע געצן צעבראָכן און צעפּיצלט.
מײַנע אויגן האָבן זיך געטאָן אַ צעעפֿן, אַ צעגלי,
אויפֿסנײַ כ׳האָב דערפֿילט אַז ביסט דאָ, דו,
דאָס ליכט וואָס געלעגן איז פֿאַרהוילן, פֿאַרבאָרגן,
איז אין פֿאַרבאָרגעניש געוואָרן מערער נאָך און מײַן,
ערשט
טויבן אַרויסגעלאָזטע פֿון די נעסטן
האָבן צוריקגעבראַכט אַהער פֿון די הייכן
די ערשטע שײַן.

ג

זי איז אַריַין אין מיַינע רמ״ח און שס״ה.
אַ שפּאַר געטאָן מיט רויטזון, מיט בלענד
און מיט כוואַליעס פֿון אוקינוּסן אויף זאַמדן.
די ריזן, די אַראָפּגעפֿאַלענע פֿון די הייכן,
האָבן פֿאַלנדיק זיך געריסן דאָ צו לאַנדן.
און איך
אין זייער אָנבליק בין געוואָרן אַזוי קליין,
אַזש שרומפּן כ׳האָב געשרומפּט אין מיַין זיַין.
ביז דער שוים פֿונעם ים האָט די סקאַלעס אָפּגעצערט,
דאָס גאָלדזאַמד אויסגעקנעטן אין גרויערד,
און דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב געלערנט ביי רָבָא און אַבַּיי
איז געוואָרן הוויה.

ד

והא ראיה:

כ׳בין געזעסן אין דײַן שויס, פֿאַרשניטן מיט דיר אַ בונד
און זיך אָנגעזען מיט אַלץ וואָס דו האָסט געוויזן.
דאָס געבליץ פֿון אור-ערשטער דערוואַכונג
האָט די אויגן מיר אויפֿגעריסן,
וואַך זיי אויפֿגעמאַכט צום באַשאַף.
נאָר אַז עס צאַנקט שוין די שקיעה צווישן הימל און ים
און פֿירט מיך אַהין, צו יענעם אָרט
וווּ געלערנט כ׳האָב דעם אלף-בית און טראַף
און די לערנונג פֿון שם-ועבר כ׳האָב געחזרט און געחזרט,
זוך איך ווידער דעם ברית און די הבטחה
אין יעדן אות פֿונעם כתב.

ה

אין יעדן תג, אין יעדן תיו,
אין יעדן פּינטעלע איך זע דיך.
כ׳זע דעם נעכטן, זע דעם הײַנט און דעם מאָרגן.
כאָטש אַלץ איז פֿאַרהוילן, אַלץ איז פֿאַרבאָרגן—
אײַנגעהילט אין פֿײַערדיקן סוד.
נאָר גאָט, כביכול, וואָס האָט שוין גרייט אַ נײַעם טאָג
פֿירט אַלץ קעריק צו דעם דעמאָלט.
איז ווידער תוהו,
און ווידער בוהו,
ערב ליכט,
ערב זײַן
און אַלץ הייבט זיך אָן פֿון דאָס נײַ.

ו

פֿרײַ

וווערט דאָס פֿעלד, דער בוים, דער פֿויגל.
און ווידער איז פֿרײַטיק — ער שאַפֿט אַ נייעם אדם
מיטן לײַכטסטן אות וואָס מ׳רעדט אַרויס אָן מי.
שוין דאָ דער אינדערפֿרי
און דאָ דער פּאַסטעך מיט די שאָף,
און די האַק — אין קנאה אויסגעגליט,
און אָט איז דאָס געצעלט אויף ממרא׳ס פּלוינען
ווו צעפּראַלט צו אַלע זײַטן זענען טירן און טויערן,
נאָר אַז די געסט קומען אָנזאָגן די נײַע בשׂורה
ווערן די גאַסן אײַנגעשרומפּן
און שאָטנס לויערן.

ז

אויף די מויערן דו האָסט צעשטעלט היטערס
און אין זייערע הענט — צווייפּנימדיקע שווערדן.
דו, וואָס ביסט פֿון קאַלעך-אויוון אַרויסגעקומען
און אַ פֿאַרהיטענער ביז אַהער דערהיפּערט,
זע, ווי די שווערד איז אויף גאַסן היינט געפֿאַלן,
ווי פֿאַרלענדונג און אומקום זיין זאָל זיי באַשערט,
און מ׳הערט נישט דיין רוף. —
דערפֿאַר,
אַז ווּעסט צוריק אין וואָרט זיך פֿאַרמויערן,
בעת די גאַסן זענען צעפּייניקט אין ברידער-קריגן
זאָלסטו ווידער, ווי דעמאָלט, צעפּראַלן טירן-טויערן
פֿאַר יענעם ניגון
פֿונעם אָנהייב פֿון די טעג.

אין דער זאַמלונג

דײַן גייענדיקער שטערן

כ׳וועל דיר זינגען 9
ייִנגער 10
דערזען זײַן פּנים 11
טאָג בײַ טאָג, א׳— ב׳ 12
מיט מײַן תּפילה 14
דיך הײַנט געזוכט 15
דײַן גייענדיקער שטערן 16
געוואָלט דיך פֿאַרגלײַכן 17
פֿון דער נידער 18
בײַם טויער פֿון טאָל 19
אויף דײַנע בערג 21
מיט חשוונדיקן רעגן 23
אַז דער טאָג איז געוואָרן 25
ווי די לויטערקייט פֿון הימל 27
פֿלאַקער, פֿלאַקער 29
אַ וואָך האָט אַרײַנגעגרויט 30
איז אײַליקן פֿאַרגיי 31
אין אָפּגיי פֿון וועג 33

ביז וואַנען דער טאָג

ביסט אַלט, מײַן בוים 35
ביז וואַנען דער טאָג 36
האַרבסט אין בלי 37
ערב רעגן, א׳— ב׳ 39

דרײַ שטערן 41
מיט אלולדיקן ניגון 42
חצב, די אלול-בלום 43
אַ ביימל מיט מאַנדאַרינעס, א׳ — ב׳ 45
געבעט אין טריקעניש 47
אין זון-פֿאַרגאַנג 48
פֿײַער-פֿונק 49
פֿון אַלע לאו׳ן 50
פֿאַרשווונדן פֿונעם הימל 52
סודות 53
זאַלבונג 54
פֿאַר וואָס? 55
מיט פֿאַרהוילענעם געשוועב 56

רויזן אין וואַזעס

איך לען זיך אָן 59
פֿון גלבועס הייכן 60
גענאָד 61
אַוודאי וועט די שעה 62
מיט אַ שנעלקייט פֿון פֿלאַמען 63
נאַכט בײַ נאַכט 64
זע, ווי ריין 65
הוריות 66
רויזן אין וואַזעס 67
אויף די צווײַגן 68
אָדון עולם 69
דער פחד האָט אויגן 70
דער לעצטער פֿויגל 71
גרין און מאָביק געלעבטער 73

פֿליִענדיקע טריט, א׳—ב׳ 74
פּיאַנע-קלאַנגען 76
מזל, א׳—ב׳ 77
באַלאַדע פֿון הויכן בוים מיט גרויסע בלעטער 79
נאַכט פֿון חלומות אַנטבלויזטע 81
נידערט ווי רעגן 82
שטערן-געשטאַלט 83
שפּעט 84
ווי די קאַקטוס-רויז 85
אין שלאָף דעם אויסגעליידיקטן 86
וועסט אפֿשר נאָך טראַכטן 87
און איך האָב דיך געבעטן 88

האַרבסטיקע טרויבן

★ (דאָס פֿעלד) 91
דער באַרג האָט געעפֿנט די אויגן, א׳—י״ג 92
נאַכט אין מידבר פּאָרן, א׳—ו׳ 100
ווידער, א׳—ז׳ 107

ביז איצט דערשינענע ביכער
פֿון י. צ. שאַרגעל:

אין בלויען ליכט, לידער. אַרויסגעגעבן: יידישער ליטעראַטן-און זשורנאַליסטן-קלוב אין ארץ ישראל. תל-אביב, 1937.

פֿון וויי און גלויבן, לידער. פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל-אביב, 1959.

זוניקע שוועלן, לידער. פֿאַרלאַג "ישראל-בוך" תל-אביב, 1968.

טויערן אין די בערג, לידער. פֿאַרלאַג "ישראל-בוך", תל-אביב, 1973.

פֿון אָנהייב אָן, צווישן שרײַבער און ווערק (עסייען), פֿאַרלאַג "ישראל-בוך", תל-אביב, 1977.

עלי ספים, שירים. הוצאת ספרית פועלים. אַ לידער-אָפּקלייב. איבערגעזעצט אין העברעיִש: אמיר גלבע, ב. מרדכי, חיים רבינזון, אשר שופּט און שלמה שנהוד. תל-אביב, 1972.

איבערגעזעצט פֿון עברית אין יידיש:

מרדכי נמיר, שליחות אין מאָסקווע. אַרויסגעגעבן: החברה המאוחדת לפרסומים והדפסה בע"מ, תל-אביב, 1973.